UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 126- Fall 1995 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/9tx27135

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 126(1)

**Publication Date**
1995

**Copyright Information**
Copyright 1995 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 126


האַרבסט
תשנ"ו

AUTOMN
1995

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**


## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.**

*רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון"*

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**דער ציוניסטישער אַרבעטער פֿאַרבאַנד**

• איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אמעריקע. דעם פֿאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
• אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פֿון מדינת ישראל;
• שטאַרקן דעם כוח פֿון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל - די הסתדרות העובדים;
• העלפֿן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פֿאַר דעם יידישן המשך;
• קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערער אָרדענונג פֿון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פֿאַרבאַנד איז אַ פּראָטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פֿאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל.א. שטאָט־קאָמיטעט פֿון
**ציוניסטישן אַרבעטער פֿאַרבאַנד**
לואי סענעסיב, פּרעזידענט

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**
Los Angeles, Calif. 90048 • 8339 West Third Street
Telephone: (213) 655-2842

# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048

EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# אינהאַלט


חנן קיעל: לידער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3

יצחק קאַהאַן : ש. אנ-סקי, אַ מערקווירדיקע געשטאַלט אין דער
ייִדישער ליטעראַטור און קולטור . . . . . . . . . . . . . . 5

שרה טרייסטער מאָסקאָוויטש: ליד . . . . . . . . . . . . . . 9

בנימין לובעלסקי: איינגעהילט אין נעכטן... . . . . . . . . 10

פיניע פלאָטקין: לידער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 24

משה וואָלף: משה שקליאַרס ליד און לעבן . . . . . . . . . . 26

משה שקליאַר: לידער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 36

צבי אייזנמאַן: די קוראָלאַפּקע אָדער דאָס הינערישע פּיסל. . . . . 38

גרוניא קאַהן: ליד. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 41

חנן קיעל: מיינע אָדיסייען נאָכן חורבן . . . . . . . . . . 42

לאה שלאָסמאַן: לידער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 51

עקיבא פישבין: דער קינסטלער דוד מאַלקין. . . . . . . . . . 52

י. בערנסאָן: באַשעוויס זינגערס "דער סערטיפיקאַט". . . . . . 54

לילקע מייזנער: אויפן שוועל פון 70־טן יאָר . . . . . . . . 59

שרה און שמחה ליינער באַערט . . . . . . . . . . . . . . . 63

באַגריסונג פון פרעזידענט קלינטאָן. . . . . . . . . . . . . 65

* אָנגעקומען אין רעדאַקציע. . . . . . . . . . . . . . . . 66

באַגריסינגען . . . . . . . . . . . . . . . . . . 67 - 71

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
נומ. 126

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
לילקע מייזנער
יעקב שייפער
זעלדע מאַלעוויטש

50־ער יאָרגאַנג, נומער 126 • האַרבסט 1995 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

חנן קיעל / ניו־יאָרק



## לידער פון ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק
### צו דער 80־טער יאָרצייט פון י.ל. פרץ

### 1. ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק

אין ערגעץ־לאַנד, אויף יענער זייט גראָזיקן שלאָף
טרעפן זיך צונויף אַ באַרג מיט אַ באַרג;
אַ ווידער־אויפלעב פון נשמות אויפן חלום־יריד
פון פרצעס ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק;

אויפן קאַרניוואַל זיך אַנשיכורן מיט קופּלעס פרייד,
אויסזינגען אונדזער שווייגנדיק גערייד ביזן סוף
אין ערגעץ־לאַנד אויף יענער זייט גראָזיקן שלאָף;

זאָל זיך שפּינען, זאָל זיך וועבן דער פאָדעם פון זייד
אונדזער ליבע אין געפלי, וואָס איבערגעריסן האָט די צייט!

שאָטנס־באַגלייטער אָפּגעשטאַנען אין צערודערטן געלויף
אין תחית המתים־שפּיל מיר טרעפן זיך צונויף
אַ באַרג מיט אַ באַרג, אויסטאַנצן אונדזער געדויער
ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק.

### 2. צויבער־לץ

אין פיבערנאַכט־חלום מיר שאַרן זיך אַריין
דורכן קרומען שיל־טויער וואָס הוידעט זיך אין ווינט,
בגילופֿענע מיר טאַנצן ביזן אייגענעם פאַרשווינד;

פון דער־וועלט און פון יענערוועלט מיר דרייען זיך צוזאַם
אין בלינדן קאַראַהאַד אַ טאַנצנדיקער המון־עם.

גלאָקן שלעפעריקע דרעמלען אויפן קלויסטער־באַרג,
דער ברונען־געץ אין אַלטן מאַרק געוואָרן איז פאַרשטיינט,
נאָר טרויעריק אין קאַרניוואַל די קלעזמער־פידל וויינט;
מיטן קינדער־כאָר אין וואָלקן דיריגירט אַ צויבער־לץ,
דאָס בין איך אין פיבערנאַכט דער צויבער־לץ אַליין.

אין וואַנדער־חלום נעם אַריין מיינע יונג־פאַרצוקטע ברידער
און פרומעטל מיין בלאָנדע שוועסטער, ס'ליד פון אַלע לידער.

## 3. שטעטל־פּאַנאָראַמע

נאָך דער לעצטער אַשמורה איז אַרונטער די לבנה
אויף יענער זייט באַרג, אויף יענער זייט באַרג;
אויפן שיל־דאַך דער אויערהאָן האָט אָנגעהויבן קרייען
האָבן טאַנצנדיקע רעדלעך אויפגעהערט זיך דרייען
אין ליידיקן אַלטן מאַרק, אין ליידיקן אַלטן מאַרק.

פאַרשווונדן אונדזער חלום ווי אַ זייפן־בלאָז,
געבליבן זענען שפּערעלעך אין שבתדיקן גראָז,
גלגולים פלאַטערן אין גרינעם בלעטערוואַרג,
וויגל־לידער וויגן מיינע פעטערס אַלטן מאַרק.

אין מזרח־ראַנד האָט ס'פידעלע אויפגעהערט זיך קלאָגן,
דער וואַנדערער, אַ יידעלע פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק
אַריבער איז דעם זיידעשיס פּאָפּ־רענע בריק;
אין האַרצן־ראַנד האָט אָנגעהויבן טאָגן.

און איך אַליין אַריינגעוועבט אין שטעטל־פּאַנאָראַמע
אין פיבערנאַכט האָב מיטגעשפּילט אין דיכטערס חלום־דראַמע,
אין שפּיגל־טייך לעשן זיך די מאָרגן רויטע פלאַמען.


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

פאַרוואַלטונג "חשבון"  Phone: (310) 820-2976

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# ש. אַנ-סקי, אַ מערקווירדיקע געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור און קולטור

## (צו זיין 75-טער יאָרצייט (1995-1920)

פאַרהעלטנישמעסיק קורץ איז געווען זיין לעבן, לויט היינטיקע צייטן. 57 יאָר איז בשעתו ניט געווען קיין נייעס פון אַ מענטשלעכן לעבנסשפּאַן. דהינו פון אונדזערע דריי יידישע קלאַסיקער, האָט נאָר מענדעלע דערלעבט אַ טיפע עלטער פון איבער 80 יאָר. י.ל. פרץ - נאָר 63 יאָר (1915-1852) שלום עליכם אויך נאָר 57 יאָר (1916-1859).

און זעט: אַ קורץ לעבן, ווי שאַפעריש-רייך עס איז געווען! ש. אַנ-סקי האָט זיך אָבער אויך אויסגעטיילט מיט דער אַנדערשקייט, מיט דעם גייסטיקן גלגול, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, פון זיין פריסטער יוגנט גאָר ווי אַ רוסיפיקאַטאָר, דורך אַ גייסטיקער אַסימילאַציע מיטן רוסישן פאָלק, ווו ער האָט אַראָפּגעטויכט אין דער פרעמדער וועלט, צווישן פאַרגרעבטע פויערים אין צאַרישן רוסלאַנד, כדי געבן זיי בילדונג, בעת ער איז ראשו ורבו געווען אַ רעוואָלוציאָנערער פאָלקיסט, אין די צייטן פון "נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

אַנ-סקי האָט אונטער דער השפּעה פונעם רוסשן שרייבער ג. אוספּענסקי זיך געשטעלט די מיסיע אַראָפּצוטויכן צו די סאַמע נידעריקסטע שיכטן פונעם רוסישן פאָלק, די אָפּגעשטאַנענע פויערים, און זיי מאַכן גייסטיק באַוווסטזיניק (אגב, אַנ-סקי איז אויף אַזוי פיל באַווירקט געוואָרן פון אוספּענסקין, אַז מען האָט אים טייל מאָל באַצייכנט "דער יידישער אוספּענסקי").

אויסטערליש שיינט צו זיין דער גורל פון מענטשן מיט באַוווסטע נעמען אין דער יידישער קולטור-געשיכטע, ווי ש. אַנ-סקי, אַ געבוירענער אין אַזאַ יידישע שטאָט ווי וויטעבסק (1863), באַקומט ער אַ טיף טראַדיציאָנעל-רעליגיעזע יידישע דערציונג, און אַ געוויסן פרימאָרגן וואָגלט ער נע ונד אַוועק אין די רוסישע מרחקים ביים טייך דאָן, ווו עס לעבן רוסישע קוילנגרעבערס, אַרומגערינגלט פון דערפער מיט רוסישע פויערים, אָפּגעשטאַנענע גייסטיק, קולטורעל. און דער ייד, אַנ-סקי, וויל זיי לערנען דורך בילדונג, ווי ס'איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע ביי דער פאָלקסטימלעכער רוסישער אינטעליגענץ.

אַנ-סקי פּראָלעטאַריזירט זיך צווישן זיי, ער האָט זיך פריער געלערנט פאַכן, שמידעריי, שפּעטער, איינבינדעריי, צו קענען זיך מפרנס זיין, אָן עקספּלואַטאַציע... דערווייטערט פון זיין אייגן פאָלק, וואַקסט ער אויף אַזוי פיל אַריין אינם רוסישן, שפּראַכלעך, קולטורעל, אין די סאַמע טיפענישן פון פרעמדן פאָלק, צו וועלכן עס ציט אים צו דער רייכער פאָלקלאָר, ליד, לעגענדע, פאָלקסטימלעכע געשיכטעס, אַן אוצר וועלכן ער הייבט אָן זאַמלען.

און דעמאָלט געשעט ביי אים דער גלגול פון אַ ניגון. פונעם רוסישן גייסט, פאַרקערעוועט ער צום אייגענעם פאָלק, צו זיין יידישער היים און סביבה. דאָס האָט אים באַווירקט זיין חבר פון די סאַמע יוגנט-יאָרן, חיים זשיטלאָווסקי, דער טיפער באַגרינדער פון יידישיזם, אַן אָנהענגער פון די עסערן (סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן), ווי אַנ-סקי.

די אינטימע חברשאַפט, נאָענטשאַפט צווישן זשיטלאָווסקי און אַנ-סקי אין זייער

יוגנט און נאָך שפּעטער, האָט מסתמא געהאַט די גרעסטע ווירקונג ער זאָל דערשפּירן דעם זיסן טעם פון "בתוך עמי אנוכי יושב". אָבער פרץ האָט אים אַרויסגעוויזן ניט נאָר התקרבות, זעלישע און שרייבערישע, מסתמא אויך געלייגט דעם טראָפּ אויפן פּאָלקלאָריסטישן אָפּשניט פון דורות יידישקייט אין אַלע מאַניפעסטאַציעס פון ליד, מעשה, ניגון און קנייטש פונעם "פּינטעלע ייד", וואָס איז ניט אָפּצושאַצן - פון די יידישע אַלטע אוצרות דורך לאַנגע יידישע דורות.

פרץ גופא, ביים הערן אַנ-סקין דערציילן וועגן זיין פאָלקלאָר-זאַמל, האָט גלייך אין זיין מחשבה עס אַרומגענומען מיט פאָעטישע שיינע בראָקאַטן, וועלכע מיר באַוווּנדערן אין זיינע "פאָלקסטימלעכע געשיכטעס". און אַנ-סקיס דראַמאַטישער אינסטינקט האָט דעם שטאָף פילטרירט און דערהויבן צו דער הויכער מדרגה פון זיין דראַמאַטישער קונסט, וואָס האָט זיין ווערק אוניווערסאַל געמאַכט און דערמיט פאַרזיגלט זיין אומשטערבלעכקייט.

אַנ-סקי האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישן געוועב מיט אַ דערציילונג אין יידיש "די געשיכטע פון אַ פאַמיליע". עס איז באַזירט אויף אויטאָביאָגראַפישע מקורות פון זיין היימשטאָט, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט פון זיינע יוגנט-יאָרן. פאַר וואָס עס איז ניט דערשינען פריער אינעם יידישן אָריגינאַל, נייערט אין אַ רוסישער איבערזעצוג, איז וואַרשיינלעך פאַרבונדן מיט דער רוסיש-יידישער באַוווּסטער אויסגאַבע "וואָסכאָד", ווו די דערציילונג האָט דעמאָלט נאָר געקענט ווערן אָפּגעדרוקט אין יענעם פעריאָד. ווי מיר ווייסן, איז עס געדרוקט געוואָרן אין 1884, דאָס מיינט, אַז אַנ-סקי איז קוים אַלט געווען 21 יאָר.

*

דער אייגנטלעכער נאָמען פון ש. אַנ-סקי איז געווען שלמה זיינוול ראַפּאַפּאָרט, און ער האָט אונטער זיין פּסעוודאָנים געשילדערט אין אַ ראָמאַן ("אין שטראָם"), אַ יידיש שטעטל, ביים בראשית פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג; אַ יידישע אַרבעטער-בירזשע מיט בונדיסטן און "קליינעם בונד", וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער פּראָפּאַגאַנדע פון די עלטערע ברידער און שוועסטער מיט אַ חסידיש-יידישן ברען, וואָס איז ניט געווען בנמצא אויף דער ניט-יידישער גאַס.

אַנ-סקי האָט געמוזט שנעל אַוועק פונעם יידישן שטעטל, מחמת די צאַרישע "אָכראַנע" האָט געהערט, וואָס פאַר אַ טעטיקייט עס גייט אָן אונטער איר נאָז... און זי האָט זיך גענומען שטאַרקער פאַראינטערעסירן מיט דער יידישער אַרבעטער-בירזשע... ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין מערב-אייראָפּע. אין פּאַריז, בערן, זשענעוו זיך באַקענט פון דער נאָענט מיט אַ גרעסער יידיש-סאָציאַליסטישער גרופּע פון רוסלאַנד, פון וועלכער עס האָבן שפּעטער אַרויסגעגלאַנצט אַ ריי פּאָטענציעלע פירער פון "בונד" מיט מערעמען בראש, וועלכער האָט בעת אַ פּאָלעמיק מיט טראָצקין אים צוגעדריקט צו דער וואַנט מיט אַזאַ פּשוטער שאלה: "איר מוזט דאָך פאַר זיך אַליין דערקלערן צי איר זייט אַ רוס אָדער אַ ייד"? טראָצקי: "איך בין אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט". אַזאַ סאָרט ענטפער האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן חוזק ביי די, וואָס האָבן בייגעוווינט די דעבאַטע...

עס איז ניט געווען קיין צופאַל וואָס אַנ-סקי האָט געשאַפן אַזעלכע לידער ווי "אין זאַלציקן ים" און די "שבועה", וואָס איז געוואָרן דער הימן פון "בונד". אַנ-סקי איז ניט געווען קיין מיטגליד פון בונד, ער האָט אָבער אָפּגעשאַצט זיין ראָלע ביים וועקן די צוגעבונדנקייט פון יידישע אַרבעטער צו דער באַוועגונג און צו יידיש-לשון, וואָס איז

געוואָרן זיין ליטעראַרישער אינסטרומענט פאַר דערציילונג און דראַמע.

דער העברעיש־יידישער שרייבער, ש.ל. ציטראָן, האָט אים טרעפלעך כאַראַקטעריזירט, שרייבנדיק: "אַנ־סקי האט אָנגעהויבן ווערן זייער פּאָפּולער, ווי אַ שרייבער אין דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט, זינט ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש". כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס זיינע שריפטן אין רוסיש זענען ווי פאַרווישט געוואָרן אין די רוסישע ענציקלאָפּעדיעס. אַזוי, דהיינו, האָט אַפילו די גרויסע סאָוועטישע אַכט־בענדיקע "ליטעראַטור־ענציקלאָפּעדיע" (מאָסקווע, 1962–1975), נאָר פאַרבייגייענדיק באַמערקט זיין שרייבן יידיש, אָבער ניט רוסיש...

ציטראָן האָט אויך באַטאָנט, אַז ער (אַנ־סקי) "דער רעוואָלוציאָנערער קעמפער (געמיינט: זיין אָנגעהעריקייט צו די עסערן), איז געוואָרן אַ הייסער קעמפער פאַר אַלץ, וואָס איז יידיש איצט, און פון אַלץ, וואָס עס האָט אויפגעוואַקסט פון יידיש און אויף יידיש, אין די קולטורעלע אוצרות פונעם יידישן פאָלק. אַנ־סקין האָט באַגייסטערט די יידיש־פאָלקסטימלעכע שאַפונג אין פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען, און די ראָזיקע באַגייסטערונג איז געוואָרן זיין לעבנס־אינהאַלט" (ציטירט פון ציטראָנס "דאָס אַנ־סקי ביכל" און "דער לעצטער פון די דריי", - געמיינט פרץ, דינעזאָן, אַנ־סקי, פאַראייביקט אין אוהל־פרץ אויפן גענשער בית־עולם אין וואַרשע.

אַנ־סקי איז בעת זיין קורץ, פאַרהעלטנישמעסיק, לעבן, געווען זייער שאַפעריש. זיינע "געזאַמלטע שריפטן" זענען אַרויס אין פופצן בענד, געוואָרן אויך טיילווייז איבערגעזעצט אין אַנדערע לשונות, און צווישן זיינע איבערזעצערס: ח.נ. ביאַליק אין עברית ("דער גולם"), און דער שפּעטער באַקאַנטער פּאָליטישער פּובליציסט און פאַרלעגער, יצחק דויטשער, דער מחבר פון טראָצקיס דריי־בענדיקער ביאָגראַפיע אין ענגליש (מלך ראַוויטש האָט, אַגב, אָנגעשריבן אַ קאָנדענסירטע מיניאַטור־ביאָגראַפיע וועגן יצחק דויטשער. ער איז מיט אים און זיינע עלטערן געווען גוט באַקאַנט איידער ר'איז געוואָרן געפאַנגען פון טראָצקיזם... ווי האָט ער עס אויסגעדריקט צו ראַוויטשן? - "תינוק שנישבע בין העמים...)

לוואָוו ראָגאַטשעווסקי, אַ היסטאָריקער פון דער רוסיש־יידישער ליטעראַטור, - ניט קיין ייד - האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַנ־סקיס דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. מיט טיפער פאַרשטענדעניש האָט דער רוסישער שרייבער איינגעזען די גרויסע מעלות פון אַנ־סקין, אויך דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעמיטן "נאַציאָנאַליסטישע היסטעריע". דער רוסישער היסטאָריקער האָט אַנאַליזירט אַנ־סקיס פערציק יאָר ליטעראַרישע שאַפערישקייט, ווו ער איז "דער אויסגעצייכנטער פאַרטרעטער פון דעם מאָדערנעם יידנטום; צוגעשטעלט אַ גאָר רייכן מאַטעריאַל, וואָס באַווייזט, ווי טיף ער איז אַריינגעדרונגען אין דער געשיכטע פונעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן".

אַז מיר האַלטן שוין ביים ציטירן, לאָמיר אויך דערמאָנען וואָס אַזאַ בר־סמכא, ווי זלמן רייזען, שרייבט וועגן אַנ־סקיס שריפטן: "אַ ריי פּאָעמעס זיינע, זענען אין גייסט פון פאָלקס־עפּאָס. דורך אַזאַ פּאָעמע ווי "דער אַשמדאַי און זיין טורעם" עפנט ער אויף פאַר אונדז אַ גרויסן אוצר פון דער יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע, אירע פאָרשטעלונגען וועגן יענער וועלט, גיהנום און גן־עדן.... אַן אמת ענציקלאָפּעדיע פון יידישער פאָלקס־דעמאָנאָלאָגיע". אַנ־סקיס סעריע "פאַנטאַסטישע געמעלער", ווי זיין "דער טורעם אין רוים", "די צען צייכנס פון משיחן", זענען מלא וגדוש מיט אַלטע יידישע מאָטיוון פונעם יידישן מיסטיציזם.

היינט זיינע אַלזייטיקע שאַפונגען פון חסידישער עפיק, פילאָסאָפישער עסיי, דראַמאַטישן קאָנפליקט פאַרשפיגלט און "דער זיידע", "פאָטער און זון", "די קאָנספיראַטיווע דירה" און אַ סך אַנדערע, וואָס זענען געוואָרן אויסגענוצט פון דראַמאַטישע קרייזן אין אונדזער אַמאָליקער ליבער פראָווינץ, אויך פון פראָפעסיאָנעלע גרויסע יידישע אַקטיאָרן מיט אַ נאָמען אויף דער יידישער בינע. פאַר אַנ-סקיס שאַפערישקייט זענען עס געווען די טרעפ, וואָס האָבן אים געפירט צו זיין הויכן דראַמאַטיש-קינסלערישן אויפשטייג, צו זיין סימבאָלישער טיפער דראַמע "דער דיבוק", צו זיין צווייטער באַרימטער פיעסע "צווישן טאָג און נאַכט", וועלכע דער מלאך המות האָט אים שוין ניט דערלאָזט פאַרענדיקן דעם דריטן אַקט... דאָס האָט שוין געדאַרפט טאָן אַלטער קאַציזנע, ווערליק אַן אָנווייז פון מחבר, און ער האָט עס געטאָן בשלימות.

אַנ-סקי איז דער אומדערמידלעכער גרויסער זאַמלער פון דעם בריליאַנטענעם יידישן פאָלקלאָר פון יידישע לעגענדע, פון אַלטערטימלעכע יידישע פאָלקס-שאַפונגען, פון פערל, וואָס גלאַנצן און באַשיינען זיין דראַמאַטישן ספעקטאַקל "דיבוק".

זיין דראַמאַטישער פאַרמעסט האָט איבערגעלעבט פאַרשידענע היסטאָרישע געשעענישן פון אונדזער שרעקלעך-טראַגישן י"ה מיט זיינע בלוט-פאַרגיסונגען אויף אַלע פעלדער פון כדור הארץ.

אַנ-סקי, דער פאָליטישער רעוואָלוציאָנער, האָט, ווי זיין דראַמע "צווישן צוויי וועלטן", אַליין פערזענלעך זיך באַוועגט צווישן די צוויי גאָר ווייטע וועלטן: צווישן פאָליטיק פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג (ס.ר.) און דער עטנאָגראַפישער וועלט פון סימבאָליק, לעגענדע, טיפער מיסטיק-ניגון פון ווייטע וועלטן.

מערקווירדיק, אַז 80 יאָר נאָך אַנ-סקיס טויט, האָט אַ יידישער יונגער רעזשיסער אויפגעפירט אין ענגליש דעם "דיבוק" און באַקומען גוטע אָפרופן אין דער ענגלישער פרעסע פאַר זיין אויפטו. דאָס איז געשען אין אויסטראַליע גאָר נישט לאַנג צוריק, געשפילט אין אַ גאַראַזש!

זיכער וועט אַנ-סקיס "דיבוק" פאַרבלייבן לעולם ועד אין וועלט-רעפערטואַר פונעם טעאַטער, פילם, אָפערע, נייערט, אפשר גאָר אַנדערש פאַרשלייערט, אינטערפרעטירט, ווי מען טוט עס מיט שעקספירס דראַמעס, וואָס ווערן כסדר פאַרהיינטצייטיקט דורך מאָדערנער רעזשי. וואָלט ש. אַנ-סקי געהאַט אַריכת ימים, וואָלט ער דאָך זיכער נאָך פרצעס פטירה געוואָרן דער מנהיג הדור פון דער צעבליטער יידישער ליטעראַטור אויף ביידע זייטן אַטלאַנטיק. מע האָט דאָך צו אים אַרויפגעקוקט אויף דער יידיש-ליטעראַרישער גאַס. זיינע פראָדוקטיווע ליטעראַרישע שאַפונגען, פון אַ ברייטערן פאַרנעם, וואָלטן דאָך אינעם צווישן-מלחמהדיקן פוילן אים געגעבן פרצעס אָרט און המשך פון זיין פרוכטיקן שאַפונגס פעלד, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק צעבליט אין זיינע חורבן-גאַליציע ביכער.

רעטראָספעקטיוו, זע איך, ווי אַזוי עס האָט זיך געשלענגלט אַנ-סקיס קורץ לעבן צווישן רוסלאַנד און אייראָפע, בעת אין פאַריז ווערט ער סעקרעטאַר ביים באַרימטן שרייבער, פ. לאַווראָוו. עס דערשיינט זיינס אַן אַרבעט וועגן "פאַסטער אינסטיטוט"; אויך וועגן דעם באַוווסטן פראַנצויזישן גרויסן שטאַטסמאַן - קלעמאַנסאָ, און וועגן נאָך אַנדערע פערזענלעכקייטן. אָבער זיין נשמה שפירט זיך ערשט "ביי זיך אין דער היים", ווען ער קערט זיך אום צוריק קיין רוסלאַנד נאָך דער פאָליטישער אַמנעסטיע פון 1905. ער איז צוריק אַקטיוו אויף צוויי פראָנטן. אויפן פאָליטישן, און אויפן

עטנאָגראַפיש־פאָלקלאָריסטישן מיט דער לעגענדאַרער מיסטיק־ספערע.

נאָכן פאַלן פון צאַריזם איז ער צוריק אַן ס.ר. אַקטיוויסט. פיגורירט אַלס קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי צו דער קאָנסטיטואַנטע. ווען די באָלשעוויקעס האָבן זי פאַרטריבן, צעיאָגט און פאַרפאָלגט אויף אַלע וועגן און אומוועגן, האָט ער דערשפּירט מיט אינטואיציע צו יאָגן זיך קיין ווילנע און זיך ראַטעווען דאָרט, אַנשטאָט לויפן קעריק קיין אויסלאַנד. דעמאָלט האָט עס געמיינט בערלין, וואָס איז געוואָרן אַ יידישער צענטער פאַר דער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון די באָלשעוויקישע נעגל.

אַנ־סקי וויל בעסער זיין אין הארץ פון יידישן פוילן, עס ציט אים קיין וואַרשע, אין דער מעטראָפּאָליע פון דער יידישער קולטור־אַרענע, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן צעבליען אַ יידישע פּרעסע, פאַרלאַג־וועזן און אויך אַ שטאַרק פּאָליטיש לעבן מיט אַ ברייט פעלד און שווונג פאַר יידיש־אַרבעט אינעם אומאָפּהענגיקן פוילן.

אין יאָרן נאָך יונג, אָבער זיין קערפּער איז שוין גאָר שטאַרק געוואָרן אָפּגעשוואַכט דורך אַלע זיינע נע־ונד יאָרן, דער אָרגאַניזם איז רוינירט, אָבער ניט זיין גייסט, וואָס אַרבעט אינטענסיוו אויף זיינע צוויי שפּעטער באַרימטע דראַמאַטישע ווערק. אַ מידער, באַוויזט ער שוין ניט צו פאַרענדיקן זיין צווייטע דראַמע. ער איז שוין אויך ניט זוכה צו זען די פּרעמיערע פון "דיבוק", וואָס דוד הערמאַן אַרבעט איבער איר צוגרייטונג צו דער בינע.

אַ מידער פאַלט ער אונטער דעם שניט פון מלאך המוות (1920).

---

שרה טרייסטער־מאָסקאָוויטש

## ערשטע ליבע

מיין מאַמע איז געגאַנגען צו קינד
אויף יידיש
אויף יידיש אירע תפילות
אויף יידיש אירע קולות
פון איר מויל און ברוסט איז יידיש
אַריינגעפלאָסן טיף אין מיר
געבאָדן, געקאָרמעט,
געלעקט און געפוצט האָט זי מיך
מיט איר וואַרעמער יידישער צונג

מיין טאַטע האָט מיך אויף שפּאַציר
גענומען
אויף יידיש זען די פאַוועס
איך האָב זיך אָנגעהאַלטן אין זיין
וויַז־פינגער
און מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען פון
הימל
אויף זיין שויס געזען די אותיות
פון דער גאָלדענער פאַוועס רעגנבויגן
און יעדן אות צוזאַמען אין די הענט
מיט פרייד געהאַלטן ווי
אַ ניי־געבוירן הינדעלע

איך בין מקנא די
וואָס האָבן אין דער יוגנט געהאַט
געליבטע
וועלכע האָבן זיי געגלעט, גערייצט,
געהיצט
אויף יידיש
אין דער שפּראַך פון ערשטער ליבע

דעצעמבער, 1994

בנימין לובעלסקי / ירושלים

# איינגעהילט אין נעכטן...

אין זיכרון שווימט טייל מאָל אויף אַ געשטאַלט, אַ פריינדשאַפט אַ פאַרשווונדענע, וועלכע טליעט ערגעץ פאַרבאָרגן אין דיר און לאָזט זיך ניט פאַרגעסן.

ער האָט געהייסן סימאָן מאָנדזשן. כ'דערמאָן זיך ניט גענוי ווען כ'האָב זיך מיט אים באַקענט. אין זיכרון האָבן זיך דורכגעקייקלט באַגעגענישן, שמועסן, וועלכע זענען געפלאָסן נאַטירלעך, פריי, ווי מיר וואָלטן געווען לייבלעך־נאָענטע, גרייט צו הערן איינער דעם אַנדערן, אויפריכטיק, מיט פאַראינטערעסירונג. ער איז געווען אַ 20 יאָר עלטער פון מיר. אַ ניט הויכער, שטענדיק עלעגאַנט געקליידט, דאָס רעקל, די הויזן ריין, געפּרעסט, עסטעטיש, אין איינקלאַנג מיט זיין גוט פאָרמירט געשטאַלט. אין דער לינקער, קליינער אויבער־קעשענע האָט קיין מאָל ניט אויסגעפּעלט אַ זיידן טיכעלע און דאָס רעגולערע פּנים איז געווען גוט אויסראַזירט, געפלעגט.

מיר האָבן גערעדט צווישן זיך פראַנצייזיש, כאָטש מיר זענען ביידע געווען פאַרבונדן מיטן "פּוילישן הויז" אין אַלזשיר, וווּ די פּוילישע שפּראַך איז געווען די הערשנדיקע. אין אָוונט איז ער אָפט געקומען אין רעסטאָראַן אויף די מיש'לע, איינע פון די עלעגאַנטסטע גאַסן פון אַלזשיר, וואָס האָט זיך געשניטן דורכן שענסטן שטאָט־טייל, אויף רעכטס אַרויף ביזן שטאָט־פּאַרק, אין דער ריכטונג פון על־ביאַר, און לינקס־אַראָפּ, צום פּאַרק, וועלכער גייט פּאַזע ים, נאָענט צום שיינעם מאַרישן בנין פון דער צענטראַלער פּאָסט. ער האָט געוווינט ערגעץ אין מיטן, אַנטקעגן דעם רעסטאָראַן ווו כ'האָב געגעסן אָוונטברויט. ער איז דאָרט געקומען, זיך צוגעזעצט. ער האָט ניט אָנגענומען קיין עסן, קיין טרינקען. ער איז געזעסן באַשיידן, געשמועסט, מיר געהאַלטן געזעלשאַפט – אַ זייער אָנגענעמער צוגאָב צו מיין אָוונטברויט.

אין יענע יאָרן פון צווייטן וועלט־קריג איז אַלזשיר געווען אַ מקום־מקלט פאַר אַ סך מענטשן פון פראַנקרייך, וועלכע האָבן געזוכט שוץ, ווייט אַוועק פון היטלעריסטישן אָקופּאַנט.

קיין אַלזשיר האָט אויך דער דעמאָלטיקער ווישי־רעזשים דעפּאָרטירט מערערע לינקע עלעמענטן – קאָמוניסטן, געוועזענע קעמפער פון דער אינטער־בריגאַדע אין שפּאַניע און ניט ווייניק יידן. נאָכן אַרויסזעצן זיך פון די אַליאַנטן אין צפון־אַפריקע זענען די אַלע אינטערנירטע באַפרייט געוואָרן און מייסטנס געקומען אין דער שטאָט אַלזשיר.

קיין אַלזשיר איז אויך, אין די מלחמה־יאָרן, געקומען אַ גרופּע פּוילישע פרויען, פרויען מיט קינדער פון העכערע פּוילישע אָפיצירן, באַזאָרגט אַפילו מיט הויז־דינער, אַריבערגעבראַכטע אויף דערוויייל, איבער דער צייט פון קריג. די פּוילישע מאַכט האָט פאַר זיי געשאַפן דאָס "פּוילישע הויז", וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ זאַמלפּונקט פאַר פּויליש־רעדנדיקע.

אין "פּוילישן הויז" איז מען געקומען אָוונט־צו, נאָך דער אַרבעט, און שבת און זונטיק אין דער פרייער צייט. מוזיק פון פּאַטעפאָן האָט געוועקט צום טאַנצן און פון צייט צו צייט איז פאָרגעקומען אַ פּאָליטישער שמועס, אַ רעפעראַט געגעבן פון איינעם פון זיינע מיטגלידער, מייסטנס פון איינעם פון "הויז"־קאָמיטעט. געווען זענען עס מענטשן אין

פענסיאָנירטן עלטער, פּאָליאַקן, פראַנצויזן צווישן זיי איז אויך געווען מאָנדזען.

אין "פּוילישן הויז" איז מאָנדזען געקומען גאַנץ אָפּט, אָבער זיך דאָרט ניט לאַנג פאַרהאַלטן. זיין באַנעמונג איז געווען אַן איידעלע, מיט רעספּעקט צום אַרום. כ'האָב אים גלייך פון אָנהויב באַמערקט, אָבסערווירט, אָנגעקנופּט דאָ און דאָרט אַ שמועס. כ'האָב געקענט מיט אים שמועסן וועגן אַלץ און אַלעמען, אָבער באַשטימען ווער ער איז איז ניט לייכט געווען.

טייל מאָל באַצייכנסטו אַ מענטש, אַן צו וואַקלען זיך - אַ פראַנצויז, אַ פּאָליאַק, אַ ייד, און די באַצייכענונג איז אַ ריכטיקע - אָבער ניט שטענדיק! "באַצייכן ניט קיין מענטש לויט דעם ווי ער רעדט, פירט זיך אויף" - האָט מיר געעצהט שאַרלעט, אַ פראַנצויזין פון אַלזשיר. - "אַ סך מאָל טוט אַ מענטש גראָד דאָס פאַרקערטע, כדי דו זאָלסט אים זען אַ גאַנץ אַנדערן..."

***

אין גרינרעלוואַלד, אין דער שווייץ, אין מיין האָטעל, האָט זיך באַזונדערס בולט געמאַכט איינער מיט זיין טיראָל־קליידונג - מיט די קורצע הויזן, רויטע זאָקן, מיטן יעגער־היטעלע מיט דער פּעדער אין דער זייט, זיין דייטשישע שפּראַך איז געווען אָנגעפּראָפּט מיטן ראַיאָנעם סלענג, ניט צו פאַרשטיין. כ'האָב אויסגעמיטן זיך צו דערנעטערן צו אים. דער דייטשישער האָכשטאַפּלער האָט פון אים געשטונקען מעטער־ווייט. כ'האָב אים אין אַ פּאָר חודשים שפּעטער געזען אויף איינע פון די... תל־אַביבער גאַסן, אין אַ גלאַטיקן, העברעישן שמועס - ער איז באמת געווען גלאַט און כשר... נו, איינער וואָס וויל זיך צופּאַסן צו דער סביבה, ווי אין די צייטן פון דער שואה, אַ רעזולטאַט פון זיין לעבענס־דערפאַרונג.

אויך אָן באַזונדערע כוונות קומט אַ מאָל אויס, אַז מענטשן שאַפן אַן אַנדערן אימאַזש וועגן זיך -

ערגעץ אין שוואַרצוואַלד בין איך ביים פרישטיק געזעסן און געשמועסט מיט מיין טיש־פּאַרטנער. מיין מיטשמועסער איז געווען אַ דייטש, אַ דאָקטער, פון די דרום־געביטן. מיר זענען געזעסן און געשמועסט פריי. מיר האָבן גערעדט דייטש, אַ שפּעטער, אויפן שפּאַציר איז ער מיר אַנטקעגן געקומען מיט זיין הונט, אַ גרויסער, שיינער, געפלעגטער הונט. דער הונט איז אויף מיר אַרויף, צעלייגט זיינע צוויי פאָדערשטע לאַפּעס אויף מיינע אַקסלען, זיין קערפּער אויף מיין קערפּער, דעם קאָפּ צוגעדריקט צו מיין פּנים, כאָטש גיי און קוש זיך מיט אים.. מיין דאָקטער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דער הונט האָט געפילט און פאַרשטאַנען. מיר האָבן יאָרן־לאַנג, ביי אונדז אין דער היים, געהאַט אַזאַ הונט און כ'פיל נאָך ביז היינט אַ צוגעבונדנקייט צו אַזאַ הונט. אַ הונט פילט עס גלייך. מיין דאָקטער האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז גלייך אַרויס מיט דער פראַגע:

– פון וואַנען זייט איר?

– פון ישראל – האָב איך רואיק, מיט אַ שמייכל געזאָגט.

מיין דאָקטער איז געבליבן שטיין מיט אַ מינע "נו, גיי וויים..." און טאַקע פון וואַנען האָט ער געזאָלט וויסן. דעם הונטס מיינונג וועגן מיר האָט אַוודאי גורם געווען אַ קליינע צעמישונג אינעם דאָקטערס איינגעשטעלטע השגות, דער הונט מיט זיין שמעקער האָט אָפּגעוואָרפן די נאַצישע ראַסן־טעאָריע. דער דאָקטער האָט געהאַט וועגן

וואָס צו טראַכטן. כ'האָב, זיכער, ניט אינסצעניזירט די דאָזיקע ראָסן־דעבאַטע מיט אים..
כ'בין אויך ניט אויסן געווען די צעמישונג אין קאָפּ פון מיין שטוב־אויפרוימערין אין האָטעל "סלאַלאָם", אין זערמאַט, אין דער שווייץ. זי האָט מיך מיט איין מאָל גענומען טראַקטירן ווי אירס אַן אייגענעם, אַ גוטן קאַטאָליק. די סיבה איז געווען וואָס זי האָט ביי מיר, אויפן נאַכט־טישל, געפונען אַן אָפענע עוואַנגעליע, וועלכע מען געפינט אין די מערב־לענדער אין יעדן האָטעל, אין נאַכט־טישל, און איך האָב גראָד פאַרן שלאָפן געזוכט עפעס ביים הייליקן לוקאַש...
און, גיי ווייס אויפן סמך פון וואָס מען קען אַלץ אָפּשאַצן אַ מענטש!

***

מיין פריינד מאָנדזען איז געווען געמאָסטן אין זיינע רייד, בלויז דאָ און דאָרט האָט ער באַרירט קונסט פראָבלעמען. לויט זיין פראַנצייזיש האָב איך געוווּסט, אַז ער איז פון פוילן. זיין זאַץ, שמייכל, צוגאַנג האָט געשמעקט מיט יידיש. כ'האָב ניט געוואָלט ווייטער זוכן, פאָרשן – ער איז מיר געווען אינטערעסאַנט און אייגן. כ'האָבט זיינס אַ געמאָלט בילד נאָך קיין מאָל ניט געזען, אָבער האָט ער געזאָגט אַ וואָרט וועגן מאָלעריי, איז עס געווען אַ טיף, פאַכמענניש וואָרט. כ'האָב אים גלייך געזאָגט, אַז אין דער קונסט פון מאָלעריי בין איך אַ קאָמפּלעטער פּראָפאַן, כאָטש בילדער מאַכן אויף מיר אַן איינדרוק...
– ס'איז ניט דיין שולד – האָט ער באַמערקט. שולדיק אין דעם איז דער דערציונג־סיסטעם. אין דער שולע לערנט מען מוזיק, מען שולט דאָס אויער, אמת, מיט דער עלעמענטאַרסטער גאַמע דאָ־רע־מי, אָבער דאָס אויג שולט מען ניט עס זאָל זיין פעיק אויפצונעמען די פאַרשידענע אָביעקטן, פאַרבן, זייער ליכט און שאָטן.
איין מאָל האָט ער מיך געבראַכט צו זיך אַהיים. מיר זענען אַריין גלייך צו אים אין אַטעליע. מיין בליק האָט צוגעצויגן אַ גרויס בילד אויף דער לייונדט, אַרויפגעצויגן אויפן שטעלכל – אַ בלומען־בוקעט. ס'האָט אַ בליאַסק געטאָן פאַר מיינע אויגן אַ שלל מיט קאָלירן, אַ שפּיל צווישן שאָטן, זון און ליכט, צעפּראַלט אין שמייכל און געלעכטער אַזוי, אַז די בלעטערלעך האָבן געטאַנצט, געפרייט זיך. כ'האָב געקוקט מיט באַוווּנדערונג. ער האָט באַמערקט די צופרידנקייט אויף מיין פּנים.
– דו זעסט, אָט וועגן דעם האָב איך מיט דיר אַ מאָל גערעדט. ניט איין מאָל גייט אַ מענטש פאַרביי בלומען, אַ בלומען־בוקעט און באַמערקט זיי כמעט ניט, זיין אויג איז דערצו ניט געשולט. דער קינסטלער, דורך זיין בילד, לערנט דיך קוקן, זען זון, שאָטן, קאָלירן, לעבט אויף אַ וועלט, וועלכע ניט יעדער איינער באַמערקט, און ער מאַכט רייכער, פולער דעם אָרום....
מאָנדזען איז אַריין אין אַ שמועס וועגן בילד און זיין ווירקונג. כ'האָב געהערט מיט אינטערעס, האָסט געפילט אַז דאָס רעדט אַ מענטש – אַ מומחה אין דער זאַך. מיט איין מאָל איז ער אַוועק אויף אַן אַנדערן, פאַר מיר אומגעריכטן וועג.
ווייסט, אויפן "רעגירונגס־פּלאַץ" (געווען אַזאַ פּלאַץ אין אַלזשיר), קעגן איבער דער סטאַטוע פון "מאַן אויפן פערד", איז פאַראַן אַ קירכע אין וועלכער עס גייט די פּוילישע עמיגראַציע. פאַראַן דאָרט אַ פּוילישער גלח, וועלכער פירט אַדורך די געבעטן. איין מאָל איז ער צו מיר צוגעשטאַנען, כ'זאָל פאַר דער קירכע מאָלן אַ הייליק בילד. ר'האָט אַזוי שיין געבעטן, נו, האָב איך אים צוגעזאָגט.
כ'האָב זיך צוגעהערט צו זיינע רייד ווי גלייכגילטיק, באַהאַלטן מיין שטוינונג.

...– מיין אָנזאָג – האָט ווייטער געצויגן מאָנדזוען – אַז כ'האָב דערפילט זיין ביטע, אַז דאָס בילד איז פאַרטיק, האָט דער גלח אָנגענומען מיט באַגייסטערונג. ס'איז אָנגעגעבן געוואָרן אַ טאָג, אַ שעה ווען מען וועט דאָס בילד באַשפּריצן, הייליקן. די ידיעה וועגן דער פייערלעכקייט איז זיך צעגאַנגען צווישן די פּוילישע גלייביקע. צו דער שעה פון דער פייערלעכקייט האָט זיך שוין פאַר דער קירכע אָנגעזאַמלט אַ היפּשער עולם. די שפּאַנונג איז געוואַקסן ווען דער גלח איז אָנגעקומען מיטן בילד אונטערן אָרעם. דער עולם האָט זיך צוגעשאַרט, זיך געדריקט צו אים, מיט די אויגן צום בילד. דער גלח האָט מיט שוועריקייט דורכגעמאַכט דעם וועג, אַרויף אויף די שטיגן פאַר דער קירכע. האָסט באַראַפּט זען די אויסגעשטרעקטע הענט צום גלח, צום בילד. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דער גלח אויפגעהויבן דאָס בילד הויך, איבער זיין קאָפּ, אויסגעדרייט זיך מיט דעם צום עולם. אַ פליסטער האָט אויסגעפילט די לופט, אַן עקסטאַז, האָסט געמיינט, אַז נאָך אַ מינוט און זיי וועלן זיך אַראָפּלאָזן אויף די קניען... דער גלח האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט און מיטן עולם, ווי צוגעקלעפּט צו אים, איז ער אַריין אין דער קירכע און מיטן בילד, אין די צוויי הענט אין דער הויך, איז ער געגאַנגען צום אַלטאַר...

...– ווען די קונסט באַפרייט זיך פון די הענט פון קינסטלער הויבט זי אָן צו ווירקן מיט איר אייגענעם כוח – האָט מאָנדזוען ווייטער געצויגן זיין געדאַנק. איך בין געווען ווייט אַוועק, ערגעץ אין די געסלעך פון אַלטן פּראָג, פון קראָקע, געזען פאַר זיך אַן אַנטי־יידישן געלויף... מיין קאָפּ האָט זיך געוויגט פון רעכטס אויף לינקס, פון לינקס אויף רעכטס, פאַרניינט, ניט געוואָלט אָננעמען מאָנדזוענס אידילישע באַשרייבונג.

מאָנדזוען האָט איבערגעריסן, פאַרטראַכט, די אויגן האָט פאַרנעפּלט אַן אומעט. הינטער דעם שלייער פון אומעט איז געווען אַ נעכטן, אַ פאַרגאַנגענהייט, אַ לעבן. וועגן אַ ברוטאַלער פראַגע אַרונטערצורייסן דעם שלייער, האָב איך אַפילו ניט געטראַכט. מאָנדזוען איז געווען זייער פילבאַד – ווי זאָגן די פראַנצויזן: אַ מענטש אָן אַ הויט. בין איך געבליבן זיצן פאַרטראַכט מיט מיין רעטעניש.

איין מאָל, אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן, בעתן שפּאַצר איבער מיין קוואַרטאַל, האָב איך, אין אַ זייטיקער גאַס פון מיש'לע, באַמערקט ווי אַ פרוי מיט אַ ווייסן טיול־שאַל איבערן קאָפּ און אַקסל, מיט אַ געבעט־בוך אין האַנט, געשטיצט אויפן אָרעם פון אַ מאַן, גייט אין דער קירכע, וועלכע איז ניט ווייט דאָרט געשטאַנען. ס'איז געווען מאָנדזוען און זיין פרוי. זי איז געווען געקליידט אין שוואַרץ און ער אין אַ טונקעלן גראַנאַט־קאָסטיום –ביידע אָנגעטאָן אין דער הייליקייט פון מאָרגן־געבעט. כ'האָב זיי ביידע גוט געזען, פון הינטן. ניט מאָנדזוען, ניט זיין פרוי האָבן מיך געזען.

כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי אָרטיקע מענטשן וועגן דער פרוי. זי איז געווען אַ קינדער־דאָקטער, אַ זייער קאַטוילישע – דאָס איז אַלץ וואָס כ'האָב געקענט געוווירווערן. קיין רויטער פאָדעם צו מאָנדזוענס לעבנס־וועג איז עס ניט געווען.

***

כ'בין געזעסן אין הויז פון אַ פריינד אין אַלזשיר. געזעסן און געהערט מוזיק. ס'איז געווען בעטהאָווענס דריטע סימפאָניע. דער טרויער־מאַרש איז אונדז דעמאָלט אַלעמען געלעגן אויפן האַרץ. מיר האָבן געהערט, שטיל, געטרונקען קאַווע און דערנאָך זייער וויניק דיסקוטירט. ס'איז דאָרט אויך געזעסן אַ יונגער, סימפּאַטישער מענטש, וועלכער האָט געהערט, געשוויגן, אָבסערווירט. נאָך אַ געוויסער צייט בין איך אויפגעשטאַנען, זיך געזעגנט און בין אַוועק. כ'בין שוין געווען ווייט אויף דער גאַס ווען כ'האָב געהערט

הינטער זיך שנעלע, לויפנדיקע טריט. ס'איז אונטערגעלאָפן דער וואָס איז געזעסן מיט אונדז צוזאַמען אין שטוב.

- ביזט פון פוילן? - האָט ער גלייך אויסגעשאָסן.
- יאָ, און דו פון וואַנען?
- פון וואַרשע.
- קענסט פויליש, יידיש?
- יאָ, אָבער כ'רעד בלויז פראַנצייזיש.
- אַזאַ פרינציפּ?
- יאָ.

ס'איז געווען לואי מיטעלבערג, אַ טיפּיש וואַרשעווער יידיש ייִנגל, היינט אין דער קאַריקאַטור־וועלט באַקאַנט אונטער די נעמען מיטעל, טים - שוין דעמאָלט האָבן זיך זיינע קאַריקאַטורן באַוויזן אין דער פראַנצייזישער פרעסע, כאַראַקטעריסטישע דורך זייער אייגנאַרטיקן סטיל. דאָס האָט ער שפּעטער אין דער פּאַריזער פרעסע פּאַרעפנטלעכט די באַקאַנטע קאַריקאַטור, אַ רעפליק אויף דע־גאָלס אויסדרוק: "דער ייד איז שטאָלץ און זעלבסטזיכער", וואָס ווייזט דעם קליינעם ישראליק, וועלכער האַלט זיך מיט איין האַנט אין די לאַגער שטעכל־דראָטן, די צווייטע פּאַרלייגט הינטערן לאַגער־העמדל אויף דער ברוסט, אַ לאַ נאַפּאָלעאָן, שטאָלץ און זיכער... לואי, ווען אין פראַנקרייך, איז אַריין אין די פרייוויליקע פרעמדע־באַטאַליאָנען, גענומען געוואָרן מיט זיי אין געפאַנגענשאַפט, אין די לאַגערן, פון וועלכע ס'איז אים געלונגען צו אַנטלויפן און לסוף, אין די מלחמה־יאָרן אָנצוקומען קיין אַלזשיר. ר'האָט געהאַלטן פון זיין פּרינציפּ, גערעדט בלויז פראַנצייזיש.

- כ'לעב דאָ, באַלד וועל איך אַריבערפאָרן קיין פּאַריז. כ'האָב בדעה דאָרט צו בלייבן און וויל איך דאָרט בלייבן, מוז איך רעדן גוט די שפּראַך. וויל מען רעדן גוט די שפּראַך, מוז מען לאָזן אין אַ זייט אַלע אַנדערע שפּראַכן.

מיר האָבן זיך געטראָפן אין די קאַפע־הייזער, אין קרייזן פון אינטעלעקטועלע, אין ווינונגען, ווו ס'זענען זיך צענויפגעקומען קינסטלער, שרייבער, געבוירענע אָדער פאַרטראָגענע קיין אַלזשיר, גאָר הויכע נעמען, וועלכע זענען ערשט שפּעטער באַקאַנט געוואָרן. ביי אַ גלעזל קאַווע, ביי אַ סענדוויטש, האָט מען געשמועסט, דיסקוטירט, בולט געמאַכט דאָס אינטעלעקטועלע, פּאָליטישע פּנים פון אַלזשיר, פראַנקרייך.

איין מאָל האָבן מיר שפּאַצירט איבער די אַלזשירער גאַסן זאַלבעדריט: מיטעל, מאָנדזשען און איך. אַ צופעליק טרעפן? כ'דערמאָן זיך ניט ווי אַזוי ס'איז דערצו געקומען. כ'האָב פאַרגעשטעלט איינעם דעם אַנדערן. ווען מאָנדזשען האָט געהערט מיטעלס נאָמען האָט ער אויף אים שאַרף אַ קוק געטאָן.

- אייער קאַריקאַטור "מיין ווייב איז אַ זשאַנדאַרם" איז מיר זייער געפעלן - האָט מאָנדזשען אַ זאָג געטאָן. מיטעל האָט גאָרניט געזאָגט.

אין אַ פּאָר חודשים שפּעטער זענען מיר, מיטעל און איך, שוין געווען אין פּאַריז. די שמחה איז געווען גרויס ווען מיר האָבן זיך געטראָפן. ער האָט מיר אַ היים געבראַכט אַ עפּעס מיט צייכענונגען פון גרופּעס, איינצלנע מענטשן, געצייכנט לייכט מיט בלייער.

- דאָס איז "מאַראַגאַסקאַר" - האָב איך אויסגערופן, ווייזנדיק אויף איינעם פון זיינע געצייכנטע טיפּן.

- יאָ - האָט אַ דערפרייטער אויסגערופן מיטעל - האָסט אים דערקענט?!

"מאַדאַגאַסקאַר" איז געווען אַ יידישער שניידער, וועלכער איז געווען אין שפּאַיע. נאָך די קאַמפּן איז ער, ווי מיר אַלע, אינטערנירט געוואָרן אין די לאַגערן אין פראַנקרייך. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געשאַפן אַ יידישן כאָר, אַליין געזונגען, ספּעציעל דאָס ליד "מאַדאַגאַסקאַר", אַ סאַטירע אויף דער פּוילישער צווישן מלחמה־רעגירונג, וועלכע האָט געוואָלט ילעזן די יידן־פראַגע דורך פאַרשיקן די יידן קיין מאַדאַגאַסקאַר. אפשר וועט פּוילן מיט דער צייט באַקומען דאָס רעכט אויף קאָלאָניזירן מאַדאַגאַסקאַר... ער איז מיט דער צייט אַרויס פון די לאַגערן, זיך אָנגעשלאָסן אין די פראַנצייזישע פרעמדע־באַטאַליאָנען און געהאַט דעם זעלבן גורל ווי מיטעל.

— ווייסט — האָב איך אים געזאָגט — ער איז דאָ אין פּאַריז, קום לאָמיר אים אויפזוכן!

כ'האָב געהאַט "מאַדאַגאַסקאַרס" אַדרעס און מיר האָבן זיך גלייך געלאָזט אים זוכן מיטן מעטראָ, מיטן אויטאָבוס. ווען מיר זענען געקומען אויפן אָרט האָט ער שוין געהאַט געענדערט זיין וווינונג. מיר האָבן ניט געהאַט די סאַטיספּאַקציע צו געפינען דעם יידישן שניידער, וועלכער האָט אַזוי ליב געהאַט אַ יידיש ליד. מיר האָבן עס געמוזט אויפגעבן. זענען מיר ווי אַ מאָל אין אַלזשיר, אַוועק און טאָקע צו דער זעלבער פרוי, וועלכע איז איצט שוין געווען אין פּאַריז, אויף אַ טרעפּונג פון קינסטלער, שרייבער, זשורנאַליסטן — פולע צימערן מיט שמועס און טומל — ניט געווען די צייט צו כאַפּן אַן אינטימען שמועס.

לואי איז דערנאָך געקומען צו מיר אין דער פּוילישער צייטונג, אין פּאַריז, אויפצוזוכן אַ צייכענונג פון זיין פּראָפעסאָר פון דער וואַרשעווער אַקאַדעמיע, לינקע, פאַרעפנטלעכט אין אַ פּוילישער וואָכן־צייטונג, אַ געשטאַלט פון אַ ייד אין טלית און תפילין געצייכנט פון חורבות־ציגל, אויפן פאָן פון דער חרובער וואַרשעווער היים. מיטעל האָט שטאַרק געוואָלט האָבן די דאָזיקע צייכענונג און ר'איז געווען זייער געריהרט ווען כ'האָב זי אים געגעבן — ניט געקענט אַפילו מיט אים שמועסן.

מיר האָבן זיך ניט איין מאָל נאָך געטראָפן, אָבער וועגן מאַנדזען איז אונדז, די איינציקע עדות וועגן אים אין אַלזשיר, ניט אויסגעקומען צו רעדן.

יאָרן, לאַנגע יאָרן זענען פאַרביי, און דער זיכרון איז אומברחמנותדיק, ער מאָנט אומאויפהערלעך צו דערגאַנצן פּרטים פון אַ געשטאַלט, וואָס האָסט געקענט און איז דיר געבליבן ניט קלאָר. אָבער אויף די טויערן פון לעבן איז ניט פאַראַן קיין אויפשריפט ווי אויף די טויערן פון דאַנטעס גיהנום: "זאָלן די, וועלכע גייען דאָ אַריין, פאַרלירן יעדע האָפנונג". די דאָזיקע האָפנונג איז יאָ דערפילט געוואָרן. געשען איז עס אין אַ מאָמענט ווען כ'האָב וועגן דעם בכלל ניט געטראַכט! אין גענף, אין דער שווייץ, האָבן מיך מיינע פיס פאַרטראָגן אין איינעם פון די מוזעומס, אין וועלכע די דאָזיקע שטאָט איז אַזוי רייך, אין אַ מוזעום אונטערן נאָמען "לע פּעטי פּאַלע". כ'געדענק דעם "פּעטי פּאַלע" פון פּאַריז, גאָרניט צו באַגאַטעליזירן! בין איך אַריין דאָרט, אַ קוק טאָן.

דער "פּעטי פּאַלע" פון גענף אונטערשיידט זיך בולט פון דעם אין פּאַריז. דאָס איז ניט קיין גרויסע האַלע, ווי אין פּאַריז, נאָר פּראָסט פשוט אַ הויז פון עטלעכע שטאָק און טאָקע מיט אַ ווינדע. ער האָט ניט, ווי אין פּאַריז, קיין צייטווייליקע אויסשטעלונגען, נאָר בילדער וואָס הענגען דאָרט שטענדיק. טייל בילדער ליגן סתם, צוזאַמען ווי אין אַ מאַגאַזין. זעסט אפילו, ווי מען פירט דעם אָדער יענעם באַזוכער, אַ מעגלעכן קויפער, צו באַקוקן באַזונדערע בילדער — עס איז מער אַ מוזעום־גאַלעריע.

געווען זענען דאָרט בילדער פון גרויסע קינסטלער, אָבער האָסט עס ניט באַמערקט

פון ערשטן בליק. ערשט נאָכן איבערלייענען דעם נאָמען פון קינסטלער האָסטו אַרויסגעזאָגט דיין פאַרוווּנדערטן "וואָס?". כ'בין געשטאַנען פאַר אַן אויסשטעלונג פון ערשטע, אומבאַקאַנטע אַרבעטן פון שפּעטער גוט־באַקאַנטע קינסטלער. געווען זענען דאָס אָנהויב־אַרבעטן פון מאָדיליאַני, קיסלינג און אַנדערע אויף וועלכע ווייניק האָבן געשענקט אויפמערקזאַמקייט. בלויז דער אַמסטערדאַמער וואַן־גאָג (אויף האָלענדיש וואַן כאָך) מוזעום האָט אָפּגעשאַצט די באַרייטונג פון אַזעלכע אָנהויב־ווערק און זיי געהעריק אויסגענוצט. די אויסשטעלונג פון די אַרבעטן פון דעם דאָזיקן גרויסן קינסטלער הייבט זיך דאָרט אָן פון זיינע פריע צייכענונגען, וועלכע האָבן נאָך ווייט ניט די באַזונדערע קראַפט פון די שפּעטערדיקע אַרבעטן. גייסט דאָרט פון בילד צו בילד, פון אָנהייב, ביז קומסט אַריין אין די טיפע, מעכטיקע קאָנטורן פון וואַן גאָגס שאַפן. ניט פאַראַן קיין בעסערער דערקענונגס־וועג ווי גיין פון אָנהייב פון זיין אַנטוויקלונג ביז די לעצטע שטריכן פון זיין מאָלער־פּענדזל. די אויסשטעלונג אין אַמסטערדאַם איז אַ קאָמפּלעטער שפּיגל פון וואַן־גאָגס שאַפונגס־וועג. זיין מאָלערישער שאַפונגס־וועג איז אַפילו דערגאַנצט מיט אַ רייכער קאָלעקציע פון זיינע בריוו צו זיין ברודער טהעאָ, בריוו וועלכע זענען ניט ווייניקער מייסטערהאַפט.

בין איך אַ פאַרכישופטער געגאַנגען איבער די זאַלן פון דעם "פּעטי פּאַלע" מוזעום, און ניט זעלטן איז אַ שמייכל אַרויף אויף מיינע ליפּן, קוקנדיק אויף די ערשטע שטאַמלדיקע טריט פון ניט איינעם פון די שפּעטערדיקע רייכע, באַצויבערנדיקע טאַלאַנטן. מיט אַ מאָל איז מיין בליק געפאַלן אויף אַ פּאָר בילדער פון... מאַנדזשען! אַ וואַרעמקייט האָט מיך אַרומגענומען. כ'האָב גענומען זוכן מער בילדער פון אים - כ'האָב געפונען. כ'האָב אויך געפונען אַן אַלבאָם, וועלכן מען טרעפט וועגן אַ קינסטלער און זיין שאַפונג - מיטן נאָמען פונעם קינסטלער אויפן טאָוול. ביים פאַרלאָזן דעם מוזעום האָב איך, מיט צווייפל, אַ פרעג געטאָן צי כ'קען קויפן אַזאַ אַלבאָם. מען האָט אים מיר גלייך געבראַכט און פאַרקויפט. זיי האָבן מיט מיר ניט גערעדט, זיי האָבן, אַוודאי, באַמערקט מיין טיפע גערירטקייט.

כ'בין אַוועק אין האָטעל מיטן אַלבאָם, געדריקט פעסט אונטער מיין אָרעם. אַליין אין האָטעל־צימער, נאָענט צום קאַמין, מיט אַ גלעזל קאַווע אויפן טישל, האָב איך מיט אומגעדולד געעפנט דעם אַלבאָם, אַרויסגעגעבן דורכן מוזעום גראַנע, פון עקסאַן־פּראָווּאַנס, אין 1983. שוין פאַרן טעקסט האָט געקוקט אויף מיר מיין חבר פון אַלזשיר, מיט אַ רואיקן בליק וואָס, ווי געוויינטלעך, קוקט און וויל בלויז הערן וואָס דו זאָגסט... כ'האָב זיך ניט מער געאיילט, כ'האָב געוווּסט, אַז אין דעם אַלבאָם, אַרום 200 זייטן, וועל איך שוין, אָן צו פרעגן, געפינען אַן ענטפער אויף ניט איין פראַגע.

ווייזט זיך אַרויס, אַז כ'בין ניט דער איינציקער, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אַ מענטש אַ פאַרשלאָסענעם. ס'האָט זיך גענויטיקט אַ רייכע זאַמלונג פון (ווען אַפילו!) קנאַפּע, קאַרג־באַצייכנטע פּערזענלעכע נאָטיצן, ס'זאָל זיך באַקומען זיין אינערלעכע און אויסערלעכע וועלט. דער אַלבאָם, פאַרזען מיט אַן אַריינפיר פון זיין טאָכטער - מאַרי־זשאָזע באַרינג־מאַנדזשען, "דער לעצטער בריוו צו מיין פאָטער" שטרייכט עס בולט אונטער: "די דאָזיקע בריוו האָבן פאַר אַ ציל צו דערמעגלעכן בעסער צו דערקענען דעם מאָלער. בלויז די דאָזיקע פּאָר בריוו - די אַנדערע האָט מאַנדזשען אַוועקגעוואָרפן..."

פון די ערשטע זייטלעך ווייסן מיר גלייך, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ יידיש יינגל, שמאי מאַנדשיין, געבוירן אין כעלם. ווען? גענוי ווייסט מען ניט. "דער טאַטע האָט געזאָגט אין

1889, אין סוכות (אין פראַנצייזישן טעקסט Sykes און אין קלאַמערן צוגעגעבן דעם פּוילישן אויסדרוק "קוצקי"). די מאַמע האָט געזאָגט אַז כ'בין געבוירן געוואָרן פריער". טאַטע און מאַמע זענען ביידע גערעכט געווען - ביי די עלטערן האָבן זיך בלויז פאַרמישט צוויי דאַטעס, די יידישע און די ניט יידישע... מאַנדזשן האָט אַ גוטן זיכרון. ער ווייסט, אַז ער איז געווען דער עלטסטער זון דער משפחה, אָבער נאָר צוליב דעם וואָס די פריערדיקע ברידער זענען געשטאָרבן אין דער קינדהייט. אים האָט מען אָנגעטאָן אין אַ סאָלדאַטישן שינעל, פאַר אַ סגולה, ער זאָל לאַנג לעבן...

ס'איז ניט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע... געלעבט האָט די משפחה אין קעלער פון בעריש קופּפערס קרעטשמע. ס'איז געווען נאַס, דאָס וואַסער איז גערונען פון די ווענט. אויף די ווענט זענען געווען צעהאָנגען כאָמאָנטס, פאַרשטויבטע, ס'האָט פון זיי זיך געטראָגן דער געשטאַנק פון לערער. ס'איז געווען פינצטער. אַפילו דער אַריינגאַנג האָט געמוזט זיין באַלויכטן.

צום ערשטן איז געווען דאָס דרדיקע חדר. מען האָט דאָרט געלערנט אלף־בית און די ברכות. ווען ער איז אַלט געוואָרן 7 יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן אין יאַנקל שנאָרערס־חדר (אין פראַנצייזישן טעקסט איז טייל מאָל געשריבן "שנאָרער" טייל מאָל "שאָנרער"). חוץ דעם רבין זענען דאָרט געווען דריי לערער (אין קלאַמערן "העלפּער"), דער יינגערער האָט געברענגט עסן פאַר די קינדער - ווייל די קינדער האָבן געלערנט אַ גאַנצן טאָג.

דעם טאַטנס חלום איז געווען צו מאַכן אים פאַר אַ רב. דערווייל האָט ער אים אַריינגעצויגן אין די זאָטל־אַרבעטן. די דאָזיקע רויע אַרבעט איז אים ניט געפעלן. ווען אין כעלם האָט זיך געשאַפן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע - האָט ער זיך אין איר אָנגעשלאָסן, געוואָרן אַ מיטגליד אין דער ביבליאָטעק. דאָרט אַנטדעקט אַ וועלט. מאָלעריי האָט אים שוין לאַנג אינטערעסירט, אָבער דאָ איז ער געוווּר געוואָרן פון פעלקער, לענדער, קינסטלער, יידישע קינסטלער ווי איזראַעלס, אַנטאָקאָלסקי. ווען ער האָט דערציילט אין דער היים וועגן זיין ווילן צו ווערן אַ קינסטלער, אַ סקולפּטאָר, האָט אים דער טאַטע פאַרשאָלטן.

– וואָס? ווערסט מאַכן געטשקעס?!

ער איז זייער יונג געווען, ביי די 12 יאָר, ווען ער איז אַנטלאָפן פון דער היים, קיין וואַרשע. ער האָט דאָרט געאַרבעט שווער, ביי זאָטל־מאַכעריי, רעטושירן, צו פאַרדינען אויפן לעבן. ס'איז אים ניט לייכט געווען. ער איז לסוף צוריק אַוועק אַ היים. ביי 14 יאָר איז ער ווידער אַנטלאָפן פון דער היים. ער איז אָנגענומען געוואָרן אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע. דאָרט איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן און פאַרפאָלגט דורך דער צאַרישער מאַכט, האָט ער געמוזט זיך, אַ געוויסע צייט, אויסבאַהאַלטן אין לובלין. צו 18 יאָר איז ער אָנגענומען געוואָרן אין דער קייזערלעכער קונסט־אַקאַדעמיע אין קראָקע, ווו ער האָט געלערנט ביי פאַנקעוויטשן און אַנטדעקט די ווערק פון די גרויסע פראַנצייזישע קינסטלער - אימפּרעסיאָניסטן: רענואַר, גאָגען, סעזאַן א.א. ביי 18 יאָר האָט ער אַן אויסשטעלונג אין וואַרשעווער סאַלאָן פאַר שיינער קונסט - אַ פעיקער חברהמאַן האָט ער געמוזט זיין - אין זעלבן יאָר האָט ער באַקומען אַ סטיפּענדיע אויף אַ רייזע קיין פּאַריז. אין אַ יאָר אַרום האָט ער שוין אַן אויסשטעלונג אין בערלין, און אין 1912 איז ער שוין צום צווייטן מאָל אין פּאַריז, ווו ער טרעפט זיך מיט די אָנגעזעענסטע קינסטלער פון דער פּאַריזער שולע: דערען, סעגאָנזאַק, פּריס,

פיקאַסאָ, פלאַמענק, מאַקס יאַקאָב, מיט וועלכע ער קניפט אָן אַ לאַנג דויערנדיקע פריינדשאַפט. צו 22 יאָר האָט ער שוין אַן אויסשטעלונג אין מינכען צוזאַמען מיט דערען און פלאַמענק. ער הייבט אָן זיינע קינסטלערישע טריט אין פּאַריז.

עס קומט דער ערשטער וועלט־קריג. זיינע חברים ווערן מאָביליזירט, אָבער ניט ער. ער איז ניט קיין פראַנצויז. בלייבן אין דער היים? קען דאָך ניט זיין! שליסט ער זיך אָן אין פרעמדן־לעגיאָן. שווערע טעג זענען עס פאַרן יידישן בחור פון כעלם. די מאַמע האָט אים אַפילו אָנגעטאָן איז אַ סאָלדאַטישן שינעל, ער זאָל געזונט זיין און בלייבן לעבן - ער איז געזונט, האַלט אויס די קוילן אויפן פראָנט, אָבער די פרעמדן־לעגיאָן סביבה איז ניט לייכט איסצוהאַלטן. ווי קומט מען אַרויס פון דער דאָזיקער איינהייט? ער ווענדט זיך צו זיינע פראַנצייזישע חברים זיי זאָלן אים העלפן. ס'איז שווער. מאַנדזען פיגורירט ניט אויף דער ליסטע פון די פוילישע איינהייטן. גיי קלער אויף אַ פראַנצויז, אַז אַ ייד, געבוירן אין כעלם, וואָס געהערט (דעמאָלט) צו רוסלאַנד, איז ניט קיין פּאָליאַק... ס'וועט זיך לאָזן דערליידיקן, שרייבט אים באַריע "אָבער ווען איך בעט ביי דיר מיר אָנגעבן מער איינצלהייטן, שרייבסטו מיר פיר זייטן וועגן דער יידישער ראַסע... דו מוזט מיר שרייבן קלאָר..."

ריימאָן באַריע איז אַן אויפריכטיקער, גוטער מענטש. מאַנדזען איז געקומען קיין פראַנקרייך אין 1912, קוים צוויי יאָר פאַרן קריגס־אויסברוך איז ער שוין אין נאָענטער פריינדשאַפט מיט באַריע. ביידע שאַפן זיי "די קאַפּריזן פונעם טייוול". באַריע שרייבט דעם טעקסט און מאַנדזען מאַכט די צייכענונגען - אַ שאַפונג מיט אַ שאַרפן אַנטי־מלחמה אַקצענט. באַריע האָט גערן געהאַט מאַנדזענען און מאַנדזען האָט באַריען הויך געשעצט. אין זיין ווידמונג שרייבט ער: "מיין טייערן ריימאָן באַריע - צווישן די קליינע און גרויסע קרייץ־וועגן טרעפט מען נאָך אַ האַרציקן מענטש..."

צי האָט מאַנדזען באַוויזן קלאָר צו מאַכן זיין פראַנצייזישן פריינד זיין נאַציאָנאַלע צוגעהעריקייט? צי איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדערער איינהייט? מאָנדזען האָט כמעט ניט געלאָזט נאָך זיך קיין נאָטיצן, קיין דאָקומענטן. צופעליקע בריוו דערמעגלעכן קוים צו מאַכן זיך אַ בילד פון זיין חברים־קרייז. עס וואַרפן זיך איבער בריוו פון גרויסע מאָלער און קולטור־מענטשן, מיט וועלכע ער שטייט אין ענגער פאַרבינדונג. ער שרייבט זיך איבער מיט אַנדריי דערען, וועלכער שטייט אין שפּיץ פון דער פאָוויסטישער גרופּע, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט מאַטיס, בראַק, פּיקאַסאָ, פלאַמענק. דערען איז אויפן פראָנט, אין דער ניינטער אַרטילעריע־גרופּע פון 82־טן רעגימענט. זיינע בריוו ציען זיך ביזן סוף קריג און דערען וואַרט שוין אויף אים, מיט נאָכקריג־פּלענער פון אַרבעט, אויסשטעלונגען.

אויך רע סעגאָנזאַק - אַן אויסערגעוויינלעכע גראַפישע קראַפט, איבערגעלאָזט נאָך זיך איבער צוויי טויזנט שאַפונגען! - שרייבט, אינפאָרמירט אים וועגן דער קינסטלערישער טעטיקייט, וואָס גייט אָן אין פּאַריז, וועגן די אויסשטעלונגען, וועלכע קומען איצט פאָר אין נאָרוועגן, אין דער שווייץ. דערביי דערציילט ער אים מיט שטאָלץ, אַז זיין איינהייט איז דורכן 20־טן קאָרפּוס אויסגעצייכנט געוואָרן פאַר איר אָנגריף אויפן סאָם־אָפּשניט. ער דערציילט אים פון אַ באַזוך אין פּאַריז און גיט אים אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג וועגן די בילדער, וועלכע מאַנדזען האָט צוגעשיקט פאַר דער אויסשטעלונג פון די אומאָפּהענגיקע - "שטאַרקע פאַרבן - ווי דו ביסט עס פעיקו", וועגן געמיינזאַמע באַקאַנטע, וועלכע ער האָט געטראָפן אין פּאַריז אויף אַ טעאַטער־שטיק פון

מאַקס יאַקאָב, וועגן חברים, וועלכע זענען געפאַלן, אַז מאַקס יאַקאָב איז אַריבער צום קאַטאָליזיצם - דע סעגאָנזאַק האָט אַ גאַר וואַרעמע באַציונג צו מאָנדזשן. זיין געשענקט בילד צייכט ער - "דעם אַלטן גוטן פריינד און גוטן מאָלער מאָנדזשן".

אויך עמיל אָטהאָן פריס פון נאָרמאַנדיע, אַ קרעפטיקער מאָלער פון דער פאָוו־גרופּע, אויף די פראָנטן פון ערשטן וועלט־קריג, האַלט אָן מיט מאָנדזשענען אַ לאַנגע קאָרעספּאָדענץ. בעתן קריג, נאָכן קריג, לאַנגע בריוו וועגן אַרבעט און פּלענער.

פון אַ באַזונדערן אינהאַלט זענען די בריוו פון משה קיסלינג, אויך אַ מיטשילער פון דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע, וועלכער שרייבט אין פּויליש צו שאַמעלען, ווען ער לערנט זיך ניט איבערנעמען מיט די חזירייען, וועלכע מען טוט אים אָן און ווינטשט אים ס'זאָל אים גאָרניט געשען, ער זאָל לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר... ער שרייבט זיך אונטער "דיין מאָניעק". פון זיין בריוו, געשריבן אין 1916, ווייסן מיר, אַז ער איז אַ שווער טובערקולאָזער. געקומען פון דרום־פראַנקרייך איצט, און ס'איז אים באַזונדערס שווער. "כ'בין קראַנק, כ'האָב ניט קיין גראָשן ביי דער נשמה און אין פּאַריז איז שווער פאַר אַ קינסטלער צו לעבן... קיינער קויפט ניט...בררר...

צאָלרייכע זענען די בריוו, וועלכע זענען אַריין אין דעם בוך, און וויפל זענען ניט אַריין? כ'האָב געלייענט און געלייענט, אַריין אין מאָנדזשענס וועלט. כ'האָב געלייענט, אַז אין די יאָרן 1914–1918 האָט מאָנדזשן געאַרבעט איבער אַ בילד פון הייליקן פראַנסואַ פון אַסיזש. כ'האָב זיך דערמאָנט וועגן זיין בילד פון דער הייליקער מאַריע, וועגן וועלכן ער האָט מיר דערציילט. כ'האָב זיך פאַרהאַלטן אויף דער ידיעה, אַז מאַקס יאַקאָב איז אַריבער צום קאַטאָליציזם. מאָנדזשן האָט צו אים געהאַט אַ זייער חברישע באַציונג. מאַקס יאַקאָב איז געווען אַ גאַנץ באַזונדערלעכער טיפּ, אַ פעיקער מענטש - אַ מאָלער, אַרטיסט, דראַמאַטורג, פילאָסאָף און איבער אַלץ - אָריגינעל. ווען ער האָט אויף אַן אויסשטעלונג געזען די בילדער פון פּיקאַסאָ האָט ער באַשטימט אים אויפצוזוכן, אויסצודריקן זיין באַוווּנדערונג. אָבער מאַקס יאַקאָב, וואָס האָט שטענדיק געהאַט דעם מאָנאָקל אויפן רעכטן אויג, האָט קיין לייטישן אָנצוג ניט געהאַט, איז ווי גייט מען עס צו פּיקאַסאָ סתם אַזוי זיך? האָט ער זיך פאַרשאַפט אַ פראַק, אַ צילינדער און אַזוי איז ער דערשינען פאַר פּיקאַסאָ. פּיקאַסאָ האָט אים גענומען פאַר אַ רייכן טוריסט, אָבער גאָר גיך האָט ער געזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן און אים אפילו גערן באַקומען. אין דער סביבה פון מאַקס יאַקאָב האָט מען זייט דעמאָלט געזען פּיקאַסאָ, מאָדיליאַני, פּאַסענס, בראַק, אַפּאָלינער, מאָנדזשן, וועלכער איז אַפילו אַ צייט געווען יאַקאָבס קריטיקער. צו זיין אָריגינעל האָט מאַקס יאַקאָב זיך געגוויטיקט אין געלט - האָט ער פאַרקויפט זיינע אַקוואַרעלן צו הונדערט פראַנק אַ שטיק...

אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען שילדערט אים מאָנדזשן ווי אַ מענטש מיט אַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער "אונטער וועלכן ס'האָט געשטעקט אַ מענטש, וועלכער האָט זיך געזוכט און ערשט געוואָרן פולקאם דורך ענדערן זיין גלויבן, וואָס האָט באַרויקט זיין טיפן אַלטן קוואַל פון מענטשלעכן אומרו...".

כ'האָב געזען פאַר זיך די זוכנדיקע אויגן פון מאָנדזשן, כ'האָב געטראַכט, געטראַכט. האָבן רעליגיעזע זוכענישן געווירקט אויך אויף מאָנדזשן? האָט ער, אָפּגעריסן פון זיינע וואָרצלען, אין שטענדיקער בענקשאַפט און זוכעניש, אין טיפן מענטשלעכן אומרו מיטגעלעבט דעם צווייפל און זוכעניש פון זיין פריינד? איז ער אויך אַריבער צום קאַטאָליציזם? כ'האָב וועגן דעם קיין סימן אין זיינע דאָקומענטן ניט געפונען.

מאָנדזען האָט מיטגעמאַכט דעם גאַנצן קריג, ער איז דעמאָביליזירט געוואָרן און אין 1922 איז ער געוואָרן אַ פראַנצייזישער בירגער. ער האָט ווייטער געלעבט זיין קינסטלער־לעבן מיט אַלע צוגעהעריקייטן - געאַרבעט, זיך באַטייליקט אין מערערע אויסשטעלונגען, זיך פאַרבונדן, מער ווי זעלטן ווער, מיט דער קינסטלער־וועלט. עס ווייסט וועגן דעם דער שריפטשטעלער־מעמואַריסט אַנדריי סאַלמאָן, וועלכער האָלט שוין מיט זיין בוך וועגן מאָדיליאַני ביי די 600 זייטן און ווענדט זיך צו מאָנדזען, וועלכער פאַרנעמט אין בוך אַ היפש אָרט, ער זאָל אים צושיקן זיינע זיכרונות, שמועסן מיט מאָדיליאַני, וועגן מאָדיליאַניס פרוי, טאָכטער און "שרייב מיר אַלץ וועגן מאָדיליאַני און דער עיקר דיין מיינונג...".

סאַלמאָן איז ניט דער איינציקער, וועלכער ווייסט ווי נאָענט מאָנדזען איז געווען מיט מאָדיליאַני. דער איטאַליענישער פאַרלעגער, וואַני שייווילער, אין אַ בוך צום 50־טן יאָרטאָג פון מאָדיליאַניס טויט, ראַנקט מאָנדזענען פאַר זיינע אָנווייזונגען און אין זיין ענטפער נוצט מאָנדזען ווידער אויס די געלעגנהייט צו דערמאָנען פאַקטן "צום כבוד פון מיין פריינד מאָדיליאַני... ווען ער איז געווען שיכור, און ער איז עס, ליידער געווען זייער אָפט, האָט ער זיך געשלייכט איבערן טראָטואַר פון ראָטאָנדע קאַפע־הויז און האָט רעציטירט אויפן קול פערזן פון דאַנטעס "געטלעכע קאָמעדיע..." מאָנדזען קען ניט מוחל זיין וואָס אין אַ פילם האָט מען געוויזן ווי מאָדיליאַני גיט אַ פאַטש אַ פרוי...". "מאָדיליאַני האָט קיין מאָל ניט געפאַטשט אַ פרוי, ניט געגנבעט קיין צוקער פונעם קאַפע־בופעט - די דאָזיקע פאַלשע ראָקומענטאַציע איז רעוואָלטירנדיק - אָט אַ פאָר באַמערקונגען וועגן מיין פריינד מאָדיליאַני".

ווען מען ווייסט אַז מאָנדזען איז געקומען קיין פאַריז אין 1912 און מען געדענקט, אַז מאָדיליאַני איז געשטאָרבן אין 1920, קען מען זען ווי מאָנדזען איז אין אַ קורצע צייט אַריינגעדרונגען אין די פאַריזער מאָלער־קרייזן. אויך זיינע חברים קינסטלער ווייסן וועגן טיפן איינדרוק וועלכן מאָדיליאַניס טויט האָט געמאַכט אויף מאָנדזענען. זיי שטאַרקן אים אין זייערע בריוו, מונטערן אים צו ווייטערדיקער אַרבעט.

פון דער פריינדשאַפט צווישן מאָדיליאַני און מאָנדזען זענען געבליבן מאָדיליאַניס צייכענונגען פון מאָנדזען, וועלכער האָט אויך פאַרהאַלטן אַ סך לעבנס־שטריכן פון דעם דאָזיקן טראַגישן יונגן, פעיקן מאָלער.

אין איינע פון זיינע האַרציקע בריוו פאַרבעסערט אָטהאָן־פריס דעם פראַנצייזיש פון מאָנדזען - און דאָך, אין זיין אָנהייב פראַנצייזיש, ווי ווייט מאָנדזען איז דערגאַנגען! נאָר וואָס געזען אַ סעריע פאָרטרעטן פון דערען, באַמערקט דער פראַנצייזישער ריכטער עלי פאָר, "דאָס איז אַ גרויסער מאָלער, וועלכן ער וואָלט געווען גליקלעך צו באַקענען" און ער בעט מאָנדזענען ער זאָל אים העלפן זיך באַקענען "מיט זיין פריינד דערען...".

אַזוי אַריין אין קודש־קודשים פון קונסט און אויפצווינגען אָנערקענונג איז ניט געווען קיין פשוטע זאַך. וווּנדערן מיר זיך ניט ווען מיר זעען ביי אים אין דער היים דעם קאָריפיי פון דער פראַנצייזישער ליטעראַטור, אַנדריי זשיד. ער איז גאַנץ אָפט צו אים געקומען און ניט איין מאָל נאָכן עסן אַריינגעכאַפט אַ פאַרטיע שאַך. ווייזט אויס, אַז אויך אין דעם געביט איז מאָנדזען ניט געווען קיין לייכטע נוס... זיין בוך "די געלט־פעלשער", וואָס ער האָט געשענקט מאָנדזענען, האָט די ווידמונג: "מיין געפערלעכן קעגנער - אַנדריי זשיד".

פון די ערשטע נאָך־קריג יאָרן ווייסן מיר זייער ווייניק. מיר ווייסן בלויז וועגן זיינע

צאַלרײַכע אויסשטעלונגען אין פֿראַנקרײַך, אין אויסלאַנד – אינדיווידועלע און מיט חברים. זענען עס יאָרן, וועלכע לויפֿן פֿאַרביי גלאַטיק, אָן זאָרגן? ווייזט אויס, אַז ניין. ער האָט שווערע מאָמענטן. פֿאַלט אַריין אין אַ "מוט". זײַן חבר קיסלינג עצהט אים: "...זײַ אויפֿריכטיק צו אַלץ און אַרום מיט ווירדע...".

אין 1925 איז מאָנדזען אין זײַנע זוכענישן פֿאַר ליכט און פֿאַרב אַריבער קיין אַלזשיר. דאָרט האָט ער געטראָפֿן די, וועלכע איז געוואָרן זײַן לעבנס־באַגלייטערין – זײַן פֿרוי. זי איז געווען אַ קינדער־דאָקטער, אַ פֿרומע קאָטוילישע.

צי האָט מאָנדזען איבערגעלעבט זײַן דערווייטערונג פֿון שטאָט, היים און אָפּשטאַמונג? צו ניי־יאָר 1925 פֿאַרגעסט ניט אטהאַן־פּריס אין זײַן בריוו אונטערצושטרײַכן מאָנדזענס האַרציקייט און פֿאַרשטאַנד – "אַלע זענען מיט מיר צוזאַמען, מײַן טײַערינקער, מײַן גוטער מאָלער, און שיקן דיר אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט און ווונטשן...".

מען פֿילט עס ניט אין די בריוו, אָבער אַלע זײַנע חברים האָבן אים הויך געשעצט און אויף אַ מינוט ניט פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייִד.

אין אַלזשיר האָט מאָנדזען אומדערמידלעך פֿאָרגעזעצט זײַן אַרבעט אַלס מאָלער. חוץ זײַן קונסטאַרבעט אָרגאַניזירט ער, צוזאַמען מיט זײַן פֿרײַנד זאַוואַדאָווסקי, מיט וועמען ער האָט שטודירט צוזאַמען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע אין קראָקע, ביי פּאַנקעוויטשן, אַ קאָנצערט מיט אַן אויסדריקלעך פּוילישן פּראָגראַם, וועלכער דאַרף אַרומנעמען שאַפֿונגען פֿון שאָפּען, וויעניאַווסקי, שימאַנאָווסקי, אויסגעפֿירט דורך רובינשטיין, שערינג. דאָס פֿאַרשלינגט ניט ווייניק צייט אָבער עס שטערט אים ניט אין זײַן קינסטלערישער אַרבעט. ער אַרבעט פֿלײַסיק איבער זײַנע לאַנדשאַפֿטן, שטיל־לעבנס, בלומען – בילדער וועלכע באַווײַזן זיך אויף די אויסשטעלונגען אין אַלזשיר, פּאַריז, נאָך פֿראַנקרײַכס באַפֿרייִונג ווו ער איז צוריקגעקומען אין 1965. די לעצטע אויסשטעלונג איז פֿאָרגעקומען אין 1978, אין בעזאַנסאָן, אונטערן טיטל: "סימאָן מאָנדזען און זײַנע חברים".

צו דער דאָזיקער אויסשטעלנוג האָט דער ראַטגעבער פֿאַר קונסט ענייִנים פֿאַר דער דאָזיקער געגנט, שאַרל פּערעטי, שוין נאָכן טויט פֿון מאָנדזען און זאַוואַדאָווסקי – זיי זענען ביידע געשטאָרבן אין אַ קורצן צייט אָפּשניט – געשריבן: "...אַ גענעראַציע וועלכע האָט אין משך פֿון 60 יאָר געזעטיקט די פֿראַנצייזישע מאָלעריי מיט אַ סלאַווישן טעמפּעראַמענט, באַלויכטן דורך מיטללענדישע קלאָרקייט, זיך באַטייליקט אין דער פּאַריזער שולע פֿון די 1920־קער יאָרן... מאָנדזען האָט אונדז געגעבן זײַן קראַפֿט, אויסדריקנדיק געפֿילן ווי ווייניקע האָבן עס געטאָן... אַ מאָלעריי געקרעפֿטיקט מיט דער דערפֿאַרונג אין דער פֿרעמד, אין ליכט פֿון דער פֿראַנצייזישער מאָלעריי פֿון ראָמאַנטיזם פֿון דעלאַקרואַ ביזן קוביזם פֿון פּיקאַסאָ...".

***

כ'בין געזעסן און געלייענט אָפּשאַצונגען פֿון זײַנע אַרבעטן. די קריטיק איז פֿול מיט לויב־געזאַנגען פֿאַר מאָנדזענס מעכטיקן, דעליקאַטן, ניואַנסירטן, געמאָסטענעם ליריזם, און מען דערמאָנט אים צוזאַמען מיט די גרויסע קינסטלער פֿון דער פּאַריזער שולע. זײַן אַרטיסטישע קראַפֿט און פֿילבאַרקייט ווערט אומעטום אונטערגעשטראָכן. זשאַן געהעננא ציטירט אַפֿילו אַ זאַץ פֿון בודהא, וועלכן מאָנדזען האָט אָפֿט דערמאָנט: "דאָס וואָס איז וויכטיק אין יעדער זאַך איז דער 'אַהו!' וואָס עס

רופט אַרויס ביי אונדז..." - און ניט איין ווערק פון מאַנדזען רופט אַרויס אַזאַ "אַה".
כמעט שיכור פון די לויב־געזאַנגען פאַר מיין פריינד, האָב איך איבערגעריסן דאָס לייענען, זיך פאַרטראַכט, מיטן בוך אויף די קניען. אין מוח האָט געהאַמערט דער געדאַנק - ווי קומט עס וואָס אַ קינסטלער ווי מאַנדזען, איינער פון די מיטגלידער פון דער פאַריזער שולע, וואָס ציילט אין אירע רייען פּאַבלאָ פּיקאַסאָ, אַלבערט מאַרקע, אַנרי מאַטיס, אַנדריי דערען, אָטהאָן פריס, בראַק, דע סעגאַנזאַק, ווי קומט עס וואָס ער איז אַזוי איגנאָרירט, זיין נאָמען ווערט אַפּילו ניט דערמאָנט?
ווייזט אויס, אַז זיין טאָכטער, וועלכע האָט מיט אירע זאָרגפעליקע הענט צונויפגעשטעלט דעם אַלבאָם, איז געווען דערפון ניט ווייניק געטראָפן און זי האָט געזוכט אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פאַרשווייגונג. דער פרוי מאַרי זשאָזע באָרינע־מאַנדזען קומט אַ האַרציקער דאַנק, וואָס זי האָט צוזאַמענגעשטעלט און אַרויסגעגעבן דעם אַלבאָם וועגן איר פאָטער מיט אַזוי פיל פּיעטעט און אָביעקטיווקייט. זי האָט אַלץ געטאָן כדי ערלעך אָפּצושפּיגלען די פּאַזעס פון זיין לעבן, געגעבן אַלע מעגלעכע פאַרבליבענע דאָקומענטן, דער לייענער זאָל זיך קענען מאַכן אַ קלאָר בילד פון מאַנדזענס לעבן און שאַפן. אויב איז וועמען ניט קלאָר, און זי האָט געפילט אַז אַזוי איז עס, האָט זי געזאָרגט אַריינצוגעבן צום סוף "פּרווון פון אַן אָפּשאַצונג" פון דעני קוטאַן' אַ ברוטאַלע אָפּשאַצונג, אין איינקלאַנג, אוודאי, מיטן אָפּיצעלן געדאַנקען־גאַנג פון דער פאַריזער קונסט־וועלט. קוטאַן' גיט אויף דער פראַגע זיין ברוטאַלן ענטפער: "...מאַלן הייסט זיך אידענטיפיצירן, פאַראייניקן מיט אַ פאָלק - מיטן פּוילישן? פראַנצייזישן? יידישן? דאָס איז געווען מאַנדזענס קאָנפליקט...".
אין איינעם פון זיינע בילדער שילדערט מאַנדזען ווי אַ לץ גייט אַראָפּ פון די טרעפּ. "ער איז אויפן לעצטן שטאַפּל נאָר עס איז פאַראַן דער שוואַרצער אָפּגרונט און דער לץ האַלט איין זיין טריט, שטעלט ניט אַראָפּ זיין פוס. פאַר מאַנדזענען שפּרייט זיך אויס אַ פוסטקייט, אַ ניט־זיין, ער וויל ניט אַראָפּגיין..." - טייטשט אויס דער קונסט־קריטיקער דעני קוטאַן'.
אין מאַנדזענס בילד הייבט זיך דער הייליקער פון אַסיזש אויף אויף די שפּיץ־פינגער פון זיינע פיס "אָבער ער דערגייט ניט צו די אָרעמס פון געקרייציקטן..." ווייזט ווידער אָן דער זעלבער קריטיקער... און ער מאַכט זיין אויספיר: "...מאַנדזען האָט אין פראַנקרייך ניט געפונען זיין פאָטערלאַנד. ווי האָט ער עס געקענט, ער, אַ מענטש וועמענס מוטער־שפּראַך איז געווען ניט רוסיש, ניט פּויליש נאָר יידיש!". און קוטאַן' וווּנדערט זיך ניט וואָס אין די לעצטע יאָרן פון זיין שאַפן זענען זיינע בילדער אָנגעזאַפּט מיט אַ בענקשאַפט פאַר זיין געבוירן־לאַנד - ניט צו דער פּוילישער ערד נאָר צו ארץ ישראל!!!
און פאַר מיר שווימט אויף דער קונסט־קרעדאָ פון מאַנדזען:
"...אַ בילד איז ניט קיין געאָמעטרישע צייכענונג. עס האָט ניט בלויז די לענג, ברייט און טיפקייט, עס האָט אויך אַ פערטע דימענסיע - דאָס געפיל, די נשמה פון מאָלער".
זענען פאַראַן קריטיקער, וועלכע ווייסן עס ניט, אָדער ווילן עס ניט ווינסן - זיי אָנערקענען ניט די פערטע דימענסיע פון מאַנדזען...
און כ'טראַכט וועגן די יידן פון דייטשלאַנד, אין דער השכלה־תקופה. מען האָט די יידן פאַרגעוואָרפן אַז זיי באַזונדערן זיך אָפּ, בלייבן אין זייערע קאַפּאָטעס, האָבן זיי זיך געוועלטלעכט, אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטעס, אָפּגעשוירן באָרד און פּיאות, אַוועק אויף די אוניווערסיטעטן, געשאַפן גרויסע גייסטיקע ווערטן - ניט אָפּגעשטאַנען אין גייסט,

עטיק און עסטעטיק פון זייערע רייטשישע חברים – האָט עס זיי געהאָלפן? אַ סך האָבן זיך אַפילו פאַרשאַפט דעם טויף־צעטל, וועלכן היינע האָט באַצייכנט ווי דער אַריינגאַנג־צעטל אין דער פרייער וועלט, איז היינע, ווי אַלע זיינס גלייכן, ניט געבליבן "אָן אַ קריש, אָן אַ מעסע"? צי האָט זיך מאַנדזען נאָך זיין לעבנס־אַרבעט אַרומגעקוקט און זיך געזען פאַרלאָזן, פאַרניינט דורך זיינע אַמאָליקע פריינד, ניט געוואָלט דערפון רעדן און געבליבן פאַרשלאָסן אין זיך, אַליין?

אויף זיין קראַנקן־בעט, אין אַן אָפּגעלאָזן שפיטאָל, אויף אַן אָפּגעחומרטן, פאַרבלוטיקטן מאַטראַץ, שרייט ער אויס צו זיין טאָכטער:

– מאַנדזען איז אַ פרייער מענטש!

אין איר אַריינפיר־וואָרט "מיין לעצטער בריוו צו מיין פאָטער", שרייבט די טאָכטער, אַז "ער האָט ניט געוואָלט געוואָרן ניט געערדיקט ווערן זיין פאַמיליע, נאָר אַז ער האָט געערדיקט פון גאָט איז געווען דערביי זיין מוטער, מיטן געטאָ, מיט גאַנץ פוילן. ס'איז אים שווער געווען דערפון צו ריידן צוליב אַ גאַנץ יידישע באַשיידנקייט און אפשר אויך אַ ביסל צוליב זיין באַהאַלטן שולד־געפיל...".

און אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן – מאַנדזען איז געשטאָרבן דעם 30־טן דעצעמבער 1979 – האָט ער איר אַ זאָג געטאָן:

– איך גלייב ניט מער אין... ווי הייסט ער...?

– אין גאָט – האָט די טאָכטער נאָך אַ מינוט שווייגן געפליסטערט, אָבער ער האָט ניט מער געהערט. ער איז שוין געווען ווייט, ווייט אַוועק. די גוט דערצויגענע קאַטוילישע טאָכטער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם לעצטן פיינלעכן זאַץ פון איר שטאַרבנדיקן פאָטער. וואָלט זי געקענט דעם זאַפּטיקן, פאָלקסטימלעכן כעלעמער יידיש, וואָלט זי נאָך די ווערטער "ווי הייסט ער... צוגעגעבן:

– יאָסל פּ... (דאָ קומט אַ זייער ניט בכבודיקע באַצייכענונג), ווייל פאַר יידן האָט גאָט ניט קיין נאָמען. גאָט איז גאָט. אַפילו משה רבינו האָט פון גאָט ניט אַרויסבאַקומען קיין קלאָרן נאָמען, ווי ער הייסט.

אָבער מיך האָט פאַרהאַלטן דאָס וואָרט "ניט מער" – וואָס הייסט עס? ביז איצט האָט ער געגלייבט, און איצט גלייבט ער ניט מער? איז ער אין אַ געוויסן מאָמענט געגאַנגען אין די טריט פון זיין פריינד מאַקס יאַקאָב? און צענדליקער יאָרן האָט ער געלעבט אין שטורעם, אַ פאַרבלאָנדזשעטער?

כ'האָב זיך ניט געפילט געטראָפן וואָס מאַנדזען האָט מיר ניט דערציילט אַפילו קיין ברעקל פון דעם, וואָס כ'האָב איצט אַרויסגעלייענט פון דער מאָנאָגראַפיע – און ער איז געווען מיט מיר זייער האַרציק אין זיינע שמועסן. ער האָט ניט דערציילט אין דער היים, זיינע חברים אין גאַס – כ'בין ניט געווען קיין אויסנאַם. איצט האָב איך געהאַט פאַר זיך ברעקלעך פון אַ לעבן, פון אַ מענטש מיט אַ טרויעריקן פרימאָרגן, וואָס האָט אין אַ שטורמיקן היינט געקעמפט קעגן אַ פרעמדן מאָרגן און איז געבליבן איינגעהילט אין זיין נעכטן, ביזן לעצטן אָטעם־צוג.

און וואָס האָט מאַנדזען געזוכט אין מיין געזעלשאַפט, נאָך אַלע באַרימטע מאָלער, פערזענלעכקייטן מיט וועלכע ער האָט געלעבט און געאַרבעט? וואָס בין איך עס, דער פּראָפאַן, געווען פאַר אים? ער האָט, אַוודאי, געזען אין מיר אַ מענטש, אַ ייד פון זיינע קאַנטן אין פוילן. צו זיי האָט זיך אים געבענקט, מיט זיי האָט ער געוואָלט זיין, מיטן נעכטן אין וועלכן ער איז געווען איינגעהילט און ניט געוואָלט זיך פון אים שיידן.

פיניע פלאָטקין

# פיר סאָנעטן

* * *

ס'האָט, קאָן מען זאָגן, גאָרנישט ניט פּאַסירט -
אַ נייער טאָג איז לאַנגזאַם אָנגעגאַנגען.
און ווידער האָט די היץ פון אין דער פרי
זיך אָנגעוואָרפן אויף די גרינע זאַנגען.

ניט אָפּגענאַרט האָט זיי דער פאָרגעפיל:
דער באָדן האָט צעטרענצלט זיינע כוחות...
אַ פויער שרייט צו גאָט און פאָדערט הילף,
און סאַמאָסאַד דעם דריטן מאָל פאַרויכערט.

ווען פלוצים, ווי אין אָוונט, לופטיק ווערט
און ס'גייט ניט דורך דער וואָלקן אויפן הימל,
ווי וואָלט זיך אָפּגעלעבט די פרייגעביקע ערדן
ווי וואָלט באַ אונדז זיך אויפהייבן די שטימונגו

איך זאָג, אַז ס'איז ניט ווייט, ניט ווייט - גלייך ווי געגעבן,
דער טאָג, די ווילע צייט פון מזל־ברכהדיקע רעגנס.

## ווו יעגער רוען

אַן אומבאַקאַנטער מענטש האָט מיך באַגעגנט -
ער, זעלבסט, איז מיט אַן אָרט געווען באַוואָרנט.
איך האָב זיך נעבן אים אויך איינגעאָרדנט
און באַלד, ווי אַ געהרגעטער געלעגן.

די צייט איז באַדערנאַכט אַזוי געלאָפן.
ווי ס'לויפט דער טאָג, למשל ערב שבועות.
צוויי יעגער צווישן זיך האָבן געשמועסט,
ניט ווייט אַ יונגערמאַן איז שטאַרק געשלאָפן.

ביז שפּעט מע קומט צו גיין, מע קומט צו פאָרן...
דאָ איבערנעבעטיקן איז ניט געפערלעך,
דאָ אויסבאַרימען זיך איז שטענדיק מעגלעך,
ווייל יעגער זיינען גרויסע פאַנטאַזיאָרן.

גאַנץ פרי, ווען יעגערישע הינט פון הונגער בילן,
דער וואָלף, ווי ניט באַ זיך, הויבט אָן זיך פילן.

***

ווען דו דערפינדסט אַזאַ מין עליקסיר,
וואָס פעיק איז פיל שווערע ווונדן היילן
דו וואָלסט מיר תיכף וועגן אים דערציילן
ווען דו דערפינדסט אַזאַ מין עליקסירן

איך וואָלט מיט פרייד געגומען די רפואה
דער ערשטער פון דיין פרייגעביקער האַנט.
גלייך ווי אַ טאַליסמאַן, ווי אַ געשאַנק
איך וואָלט מיט פרייד גענומען די רפואה.

זיין דאַנקבאַר דיר. מיין פריינד, איך וואָלט טאָגטעגלער.
ווען איך דערוויס זיך, אַז דער עליקסיר
קאָן אָפּשטעלן דאָס האַרצווייטיק באַ מיר,
זיין דאַנקבאַר דיר, מיין פריינד, איך וואָלט טאָגטעגלער.

אָ, כ׳וואָלט דעם עליקסיר באַ דיר גענומען.
ווי תפילין נעמט אין האַנט אַ ייד אַ פרומער.

***

כ׳בין ניט געשטאַנען און אויף איר געוואַרט -
צו איר, ווי צו דער זון, זיך ניט געצויגן...
די בין, וואָס האָט אַ ביס געטאָן מיר, שטאַרבט -
זאָגט, ווער פון אונדז איז שולדיק אין איר גורל?

פאַרוואָס, פאַר וועלכע זינד, איך פרעג באַ זיך,
איז זי אין מיר, ווי אין אַ שונא, נוקם?
מע זאָגט, אַז שולדיק איז אין דעם איר גיפט,
פון וועלכן כ׳האָב דערפילט אַ זיסן ווייטיק.

ניט איך האָב זי געזוכט אין פעלד. פאַרקערט,
זי איז אַרויסגעפלויגן מיר אַנטקעגן,
דערנאָך אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד
און איז געבליבן ליגן אָן באַוועגונג.

געווען אַ בין און ס׳איז די בין פאַרשוווּנדן
אויף שטענדיק פון דער ווייסער וועלט אין אָפּגרונט.

---

משה וואָלף

# משה שקליאַרס ליד און לעבן

## (צו זיין 75־טן געבוירנטאָג)

### א.

ביי יידן איז שטענדיק געווען אָנגענומען זיך גרויסן מיט זייערע באַוווּסטע שרייבערס און פּאָעטן, דאָס פייערן פון זייערס אַ יובל פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יום טוב, וועלכן עס פלעגט אָפּמערקן די "גאַנצע יידישע וועלט". אין אונדזערע טעג, ווען די "יידישע וועלט" און די צאָל יידישע דיכטערס איז ביז גאָר פאַרקלענערט געוואָרן, יובלט מען שוין זייער זעלטן. אָבער אויך איצט (און אפשר טאַקע דערפאַר) איז די באַרייטונג פון אַזאַ געזעלשאַפטלעכער געשעעניש נישט קלענער, "אויב נישט נאָך העכער". אָט פאַרוואָס מיר מערקן איצט אָפּ דעם יובל פון דעם דיכטער משה שקליאַר און באַגריסן אים צוזאַמען מיט די פילצאָליקע פריינד און לייענער פון זיינע לידער, וועלכע נאָר זיי ווייסן פון זיין אומאויפהערלעכער מי, פון זיין לייד און וויי, וואָס ער האָט אַריינגעהויכט אין זיי.

דער יובילאַר, אַ זון פון דער יידישער אָרעמשאַפט, נערט און באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט מיט הויך־קינסטלערישער פּאָעזיע. דיכטן איז דער תוך פון זיין לעבן, זיין מלאכת הקדש פאַר דעם יידישן פאָלק.

משה שקליאַרס לידער זענען לידער פון חלום און וואָר, פון לעבן און גערענגל - פון "פאַלן און אויפשטיין ווידער" - לידער פון אומרו, פרייד און אומעט, פון בענקשאַפטן און ליבע. זיין דיכטונג איז רייך מיט קלאַנגען און פאַרבן. זי ציט זיך טעמאַטיש איבער ברייטע געשיכטלעכע און געאָגראַפישע שטחים - פון חורבן און גרוש, פון דער פוילישער "זשעטשע פּאָספּאָליטאַ" דורך סאָוועטרוסלאַנד און צוריק צו דעם "סאָציאַליסטישן" פוילן, און פון דאָרטן - דורך איטאַליע ביז צו די רחבותן פון די אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן. ער האַלט כסדר זיין פּאָעטישן פינגער אויפן פולס פון אונדזער הרת עולמדיקער עפּאָכע און שפּיגלט אָפּ אין זיינע לידער איר דראַמאַטישן אינהאַלט. זיין בליק איז אַ פאַרטראַכטער, אָפּט מאָל אַפילו אַ טרויעריקער.

*

שרייבן וועגן משה שקליאַרן איז זייער נישט גרינג. די שוועריקייטן קומען אַרויס פון דעם, וואָס אין דער ליטעראַטור־קריטיק זענען ניטאָ קיין באַשרייבונגען פון דעם דיכטערס לעבנס־געשיכטע, און, ווי עס איז באַוווּסט זענען דאָך דאָטעס זייער וויכטיק, "ווייל צווישן די צוויי פאַראַלעלע שטראָמען, דעם פּאָעטס לעבן פון איין זייט, און זיין שאַפן פון דער צווייטער זייט, ציען זיך תמיד קאַנאַלן - אָפענע און באַהאַלטענע - וואָס פאַרבינדן זיי". ( ש. ניגער, "ה. לייוויק", 1951, ז. 11). דערצו האָט מ. שקליאַר די טבע אָפּצונייגן זיך פון ענטפערס אויף פראַגעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו זיין פערזענלעכער ביאָגראַפיע, "ווייל רעדן וועגן זיך איז מיר זייער שווער. איך האָב פיינט אַנקעטעס. עס איז מיר געבליבן אַ ווידערווילן צו דעם פון די אַלטע "גוטע" ( געמיינט - סאָוועטישע) צייטן. גענויער וועגן מיר קאָן מען געפינען אין מיינע לידער".

און דאָס איז טאַקע אַזוי.

משה שקליאַר איז געבוירן געוואָרן דעם 16 אָקטאָבער 1920, אין וואַרשע, אין אַן אָרעמער משפחה: "איין זיידע האָט געלאַטעט שיך, דער צווייטער הויזן" (.....), די מאַמע,

וואָס פלעגט אינדערוואָכן שבת מאַכן, "האָט געלאָזן אַזאַ ליכטיקייט אין מיין געמיט" (....) אַ יידענע אַ פּשוטע געווען. קאָן זיין אַז אירע שטילע ליידן האָבן מיך באַרופן צו דער פען" (....) "דער טאַטע איז געווען עמך שער און אייזן, מיט נאָדל ניצעווען געוואָלט די וועלט, אויסשטעכן פון איר די גרייזן". ("מיין יחות־בריוו"). אין עלטער פון 11 יאָר שטאַרבט אים די מאַמע, צו וועלכער דער צוקונפטיקער דיכטער איז געווען זייער צוגעבונדן. (זיין מאַמעס געשטאַלט - דער שורש און מקור פון זיין פּאָעזיע - אַנטפּלעקט דער דיכטער מיט ליבשאַפט אַ סך מאָל אין פאַרשידענע וואַריאַציעס). פון דעמאָלט אָן בלייבט ער אונטער דער זאָרגפולער השגחה און השפּעה פון זיין טאַטן, וועלכער האָט אין דער יוגנט געלערנט אין אַ ישיבה, און נאָכדעם ווי ער האָט זי פאַרלאָזט, געוואָרן אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור. זיין "ניגון האָט זיך מילד געטראָגן אין די ווייטן" (....) "און באַגלייט אויף אַלע וועגן".

דער טאַטע פירט אים אַריין אין דער וועלט פון שלום־עליכם, מענדעלע מוכר ספרים, אין פּרצלאַנד, און אויך אין "פּאָעזיע היכל", עפנט "טיר און טויער צו די געהיימע צייכנס", גיט אָפּ זיין זון זיך לערנען אין אַ יידישער פאָלקס־שולע, וווּ ער באַקענט זיך מיט די ווערק פון ש. אַש, ד. בערגעלסאָנען, מיט דער פּאָעזיע פון מאַני לייב, פּרץ מאַרקיש, אברהם רייזען, א.א. דיכטערס. די לידער צויבערן אים, כאַפּן אים אַריין אין זייער נעץ, רעגן זיין פאַנטאַזיע, און ער קאָן זיך שוין נישט פון זיי זיך באַפרייען:

"....געבלוטיקט כ'האָב אין "שחיטה-שטאָט"
"די וואַנט" איך האָב געבראָכן,
געראַנגלט זיך מיט מענטש און גאָט
די פינגער זיך צעשטאָכן
"ביים פרעמדן חופּה־קלייד".
געוואַנדערט איבער שטעג און וועג,
זוכנדיק אַ שטראַל פון פרייד
ערגעץ ווו "אויף יענעם ברעג......"

אַזוי איז דאָס ליד אַריין אין מ. שקליאַרס נשמה און געוואָרן "בלוטיק אייגן" ("מיין לידערלאַנד", "אין דמיון פאַרזיגלט", 1975, ז. 155)

משה שקליאַר האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער צו 16 יאָר. דער טאַטע איז געווען נישט נאָר דער איינציקער לייענער פון די ראָזיקע לידער, נאָר אויך זייער שטרענגער קריטיקער (זיין "מיינונג" פאַרבלייבט פאַר דעם דיכטער וויכטיק ער היום: "די לעצטע שורה אָנגעשריבן, וואָס וועט זאָגן ער - מיין טרייער לייענער, מיין טאַטע". ("פּשוטע ווערטער", 1962, ז. 11). לויט דעם דיכטערס אייגענער אָפּשאַצונג, זענען יענע לידער געווען נאָך "געגנוג גרוי און געקלונגען ערגעץ אויף דעם ראַנד". דערפאַר וואָגט ער זיי נישט פאַרעפנטלעכן. נאָך דעם ווי די דייטשישע האָרדעס פאַרכאַפּן וואַרשע, פאַרלאָזט מ. שקליאַר פּוילן. זיינע דיכטערישע ערשטלינגען קומען אום צוזאַמען מיט זיין היים אין וואַרשעווער געטאָ. אָנגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד, ווערט ער פאַרוואָגלט אויף אוראַל, ("מיט בלוט אַזוי פיל איז געצייכנט דער וועג"), ליידט פון הונגער און קעלט, אַרבעט שווער אין אַ מעטאַלורגישן קאָמבינאַט. אויך דאָרטן הערט ער ניט אויף צו דיכטן, שלייפט זיין דיכטערישן טאַלאַנט. ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט די לידער צו דרוקן, ברענגט ער זיי מיט זיך קיין וואַרשע, וווּ פיל פון זיי ווערן פאַרעפנטלעכט.

נאָך זיין אומקערן זיך אַ "היים" הייבט ער אָן אַרבעטן אין דער צייטונג "דאָס נייע

לעבן", אין דער "פֿאָלקס־שטימע", אַלס ליטעראַטור־רעדאַקטאָר און שפּעטער אַלס סעקרעטאַר פֿון רעדאַקציע. אויך געווען אַ מיטגליד פֿון דער רעד־קאָלעגיע פֿון ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל "יידיש בוך" אין פֿאַרלאַג "יידישע שריפֿטן". אין פֿאַרלאַג "יידיש בוך" ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע פֿינף לידער־זאַמלונגען ("רואינען און רושטעוואַניעס", 1951, "טעגלעכע מי", 1954, "בלעטערפֿאַל", 1959, "פּשוטע ווערטער", 1962, און "פֿאַרשפּעטיקטער פֿרילינג", 1966). טייל פֿון זיינע לידער ווערן איבערגעזעצט אין פּויליש, אין דייטשיש און שפּעטער אויך אין העברעיש.

אין 1968, צוזאַמען מיט טויזנטער פּוילישע יידן, געטריבענע פֿון קאָמוניסטישן אַנטיסעמיטיזם, פֿאַרלאָזט מ. שקליאַר פּוילן. אין 1969 קומט ער אָן קיין אַמעריקע, באַזעצט זיך אין לאָס־אַנזשעלעס, נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין דאָרטיקן יידישן קולטור לעבן, (טרעט אַרויס מיט לעקציעס, די לעצטע יאָרן איז ער הויפּט-רעדאַקטאָר פֿון דעם ליטעראַרישן זשורנאַל "חשבון"), באַזוכט פֿאַרשידענע לענדער און קודם כל ישראל. דאָרטן, אין י. ל. פּרץ פֿאַרלאַג, דערשיינען זיינע 3 ווייטערדיקע לידער־ביכער ("אין רמיון פֿאַרזיגלט", 1975, " אין צווישן גרין", 1981, און "ליד און לעבן", 1988), שאַפֿט נייע לידער, וועלכע דרוקן זיך אין פֿאַרשידענע לענדער (פֿשאַ, פּוילן, ענגלאַנד און ישראל), באַלוינט געוואָרן מיט אַ ליטעראַרישן פּרייז פֿון יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

ב.

משה שקליאַרס דיכטערישער וועג האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק. זיין דיכטערישע שטים האָט שוין אין סוף פֿון די 40־קער יאָרן זיך אויסגעטיילט מיט זיין אייגענער אינטאָנאַציע. שוין אין די ערשטע פּעריאָדן פֿון זיין רייפֿונג און שאַפֿן דערשיינט ער פֿאַר דעם לייענער ווי אַ לירישער דיכטער, און פֿון בוך צו בוך שטייגט ער אין זיין קונסט.

די לידער פֿון די ערשטע 2 ביכער ("רואינען און רושטעוואַניעס" און "טעגלעכע מי") זענען אין תוך ביאָגראַפֿישע - לירישע בילדער פֿון זיין אייגענעם לעבן פֿאַר די יאָרן פֿון ווידעראויפֿבויען די חורבות פֿון פּוילן. דער דיכטער זעט זיך, ווי איינער פֿון אירע זין און בויער. די מערסטע טייל לידער זענען דורכגעדרונגען מיט גלויבן, מיט ליבע צום לאַנד, צו דער נאַטור, צום מענטשן.

אויך אין די ווייטערדיקע 3 ביכער ("בלעטערפֿאַל", "פּשוטע ווערטער" און "פֿאַרשפּעטיקטער פֿרילינג") פֿאַרנעמען אַ גרויס אָרט, בייגאַנד מיט לידער אויף דער חורבן־טעמאַטיק, לידער - פּאָעטישע אָפּקלאַנגען פֿון דעם ווידעראויפֿבוי פֿון וואַרשע. אין זיי באַזינגט דער דיכטער זיין "היים אויפֿראַסניי אַ דערוואַכטע פֿון חורבות", די טאָג־טעגלעכע מי פֿונעם פּשוטן מענטש. אין די אָנגערופֿענע ביכער געפֿינען מיר אויך פֿרישע, אָריגינעלע ליבע־לידער. אַ היפּשע צאָל לידער זענען אויסגעפֿילט אין נוסח פֿון "סאָציאַליסטישן רעאַליזם", וועלכער האָט שטאַרק באַגרענעצט די שעפֿערישע מעגלעכקייטן, די פֿרייהייט און אויפֿריכטיקייט פֿון די קינסטלערס אין דעמאָלטיקן "סאָציאַליסטישן" פּוילן. ("מיין וואָרט, ווי דער שטיין איז געפֿענטעט / און וואָרט אויף די קומענדע טעג"./ ..."דערווייל איז עס אָבער פֿאַרבאָרגן / און עס טוט אַזוי וויי". "פּשוטע ווערטער" ז. 96)

ניט נאָר דאָס רופֿט אַרויס "וויי" ביי דעם דיכטער. דער שטייגנדיקער אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד און די פֿיינטלעכע פּאָליטיק מצד דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער

רעגירונג צום יידישן ישוב פילן אָן דעם דיכטער מיט גרויס צער און אַנטוישונג. פון די לידער אַנטרינען די מאַזשאָרישע קלאַנגען. אַלץ בולעטער הערן זיך טרויעריקע אַקאָרדן (... "איך בין דאָ איינינקער אַליין / צווישן שטיין / און זילבערדיקן בלענד פון שניי / ווי דער טאָג, וואָס האַלט אין פאַרגיין / אויך איך פאַרגיי, פאַרגיי --- ווער ווייסט ווהין עס פירט דער וועג? / אַ שטאַרע שרעק / פאַרגנבעט זיך אין אַלע גלידער" - "בלעטערפאַל", ז. 82)

די ציטירטע פערזן קלינגען ווי אַ פיינלעכער ודוי. איינצייטיק ווייזן זיי אָן, אַז אין דיכטערס באַוווסטזיין (און אפשר אין אונטערבאַוווסטזיין) קומט פאָר אַ פיינלעכע איבערשאַצונג פון ווערטן, און עס ווילט זיך גלויבן, אַז זי וועט אים אומבאַדינגט אַרויספירן פונעם פלאָנטער אויף אַ ריכטיקן וועג. די ווייטערדיקע לידער באַשטעטיקן די ראָזיקע השערה.

די שרעקלעכע אָנערקענונג, "אַז פאַלש איז דער צוזאָג און פאַלשע די געטער, וואָס האָבן פון פרייהייט געמאַכט אַ גיהנום...." פאַרהאַרטעווען דעם דיכטער, פאַרשטאַרקן זיין ווילן און אַנטשלאָסנקייט זיך אַרויסצורייסן פונעם "אויסגעטראַכטן גליק, ווו ס'איז נישטאָ קיין ווייטערגאַנג און קיין צוריק".

דער דיכטער פאַרלאָזט די רושטעוואַניעס "די הייזער די נייע און נייע פאַבריקן, וואָס האָבן מיט קוימענס דעם הימל געשפּאָלטן" און קומט אין די אַמאָליקע יידישע גאַסן און געסלעך, זוכט - אפשר איז פאַרט כאָטש עפּעס וואָס פון זיי געבליבן - און געפינט נישט. אַרום און אַרום וואַלגערן זיך שטיינער. די גאַנצע ערד אַרום אים איז "מיט מענטשן־אַש פאַרזייט", און ער דערהערט:

...."יעדער שטיין (...)
יערע גאַס שרייט
"דאָס גרויסע געשריי
פון טאַטעס און מאַמעס
פון קינדער אין וויגן,
וואָס זענען געבליבן
אין געטאָ ערד ליגן"
( "יעדער שטיין", "פשוטע ווערטער", ז. 29 )

די ראָזיקע סיגנאַל־ליד באַדייט אַ נייע און אַ העכערע שטופע אין משה שקליאַרס ריכטונג - דאָס זענען סאָציאַל־לירישע לידער, וועלכע אויף אַן עכטן ערלעכן אופן פאַרבינדן זיין איך, זיינע איבערלעבונגען, זיינע איך־געפילן מיט דעם כלל, מיטן לעבן פון זיין פאָלק. די הויפּט־מאָטיוון פון זיין ווייטערדיקער דיכטונג ווערן די טעמעס פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און זיין טראַגישן אומקום און פון דעם גרויסן חורבן פון דעם יידישן פאָלק.

וועגן דעם שוידערלעכן סוף פון וואַרשעווער געטאָ איז געשריבן געוואָרן נישט ווייניק. (דאָ מוזן דערמאָנט ווערן די אָנערקענטע ווערק פון פרץ מאַרקיש - "צו אַ יידישער טענצערן", און די דראַמע "דער אויפשטאַנד אין געטאָ", איציק פעפערס "שאָטנס פון וואַרשאַווער געטאָ", די דראַמע פון שמואל האַלקין "אויף טויט און אויף לעבן", ה. לייוויקס "אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען", ק. צעטניקס "דאָס הויז פון די ליאַלקעס", א. סוצקעווערס "געהיימשטאָט" בינעם העלערס "אין וואַרשאַווער געטאָ איז חודש ניסן" א.א.) צווישן זיי טיילן זיך אויס מ. שקליאַרס לידער מיט זייער

שרעקלעכער וואַרהאַפטיקייט. מיט פשוטע יידישע ווערטער רעאַנימירט דער דיכטער די געשעענישן: "ווי גייסטער איך רוף אויך אַרויס אין זכרון", און זיי לעבן ווידער אויף. מיר דערהערן, דערשפּירן און דערזעען: "די ערד איז אָנגעשוואָלן מיט ווײ און פּיין". פאַר אונדזערע אויגן באַווייזן זיך "אַ בוים אין געטאָ", וואָס דערמאָנט די פאַרבראָכענע הענט פון דעם דיכטערס מאַמע, "חנהעס אייגעלעך" ווי געשאָכטענע פייגעלעך", אַ קליין מיידעלע און איר בלוי קליידעלע, וואָס "וואַלגערט זיך אין אוישוויץ צווישן שיכעלעך", "בערד אָן יידן".

דאָס אייגענע קומט פאָר, ווען דער דיכטער מאָלט דעם חורבן פון די וואַרשאַווער יידישע גאַסן - עס לעבן אויף די מענטשן, די הייזער און אַלע יידישע געסלעך. יעדעס - מיט זיין אייגנאַרטיקן קאָלאָריט, מיט זייערע אָריגינעלע אייגנשאַפטן. און אָט די אַלע יידישע געסלעך, וועלכע האָבן נאָר וואָס באַקומען זייער תקון און ליד, ווערן פאַרניכטעט, פאַרוואַנדלט אין אַש און אין קויל. און פון דעם דיכטערס האַרץ רייסט זיך אַרויס אַן איכה-געשריי:

...."נישטאָ מער, נישטאָ מיינע גאַסן,
נישטאָ מיינע וואַרשעווער יידן".

משה שקליאַרס חורבן-לידער זענען אויסגעשופּרט בנשימה אחת. דאָס איז אַ רעקוויעם, אַן עלעגיש געוויין, וואָס דערמאָנט ירמיהוס קלאָג איבער דעם חורבן הבית. איינצייטיק זענען שוין די דאָזיקע לידער פּאָעטישע אָנוויזונגען אויף אַ מערקווירדיקער אַנטוויקלונג - אויף נאָך אַ העכערער קינסטלערישער מדרגה, וואָס דער דיכטער האָט נאָך גרויסער מי דערגרייכט אין זיין פּאָעזיע.

*

אונטער דער מאַסקע פון קאַמף קעגן "ציוניזם" האָבן די קאָמוניסטישע פירער פון פוילן אַלץ שטאַרקער צעפלאַקערט דעם אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד. דער דיכטער דערפילט, אַז עס דערנעענטערט זיך אַ נייע קאַטאַסטראָפע פאַר דעם הייפל (אַן ערך 30.000) יידן, וועלכע האָבן צו יענער צייט נאָך געלעבט אין פוילן, און זענען נאָך אַלץ פאַרבליבן טריי די קאָמוניסטישע לאָזונגען און האָבן ניט געקאָנט (אָדער ניט געוואָלט) גלייבן, אַז "פאַלש איז געווען דער צוזאָג". מ. שקליאַר האַלט פאַר זיין חוב זיך ווענדן צו די פּראָגרעסיווע כוחות פון דער וועלט:

"און איך שריי צו דער וועלט דאָס געשריי פון מיין מאַמען,
דאָס לעצטע געשריי פון די שוועסטער און ברידער:
צי קאָנט איר דעם וועג פון די מערדער ניט צאַמען,
אָ, הערט ווי זיי גייען, זיי קומען שוין ווידער".

צום גרויסן באַדויערן, אויך דאָס מאָל, ווי פיל מאָל פריער, האָט קיינער אויף דעם קול קורא זיך ניט אָפּגערופן. אין דער קאָמוניסטישער פרעסע באַווייזן זיך אַלץ אָפטער און אָפטער שמוץ-אַרטיקלען, אין וועלכע די פוילישע יידן ווערן באַשולדיקט אין אַלע אומגליקן פונעם לאַנד, אין פאַרשווערונגען קעגן דער מלוכה. אין די גאַסן, אין די שולן און אוניווערסיטעטן קומען פאָר מאַניפעסטאַציעס און מיטינגען אויף וועלכע פאַרטיי-טוער פאָדערן זיך צערעכענען מיט די יידישע "פאַרברעכערס", אַרויסטרייבן זיי פון לאַנד. און... עס איז געקומען דער טאָג, ווען די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט באַשלאָסן ריין מאַכן פוילן פון אירע יידישע בירגער. צווישן די טויזנטער יידן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אין וועג, געפינט זיך אויך זייער דיכטער, זייער שליח צבור, משה

שקליאַר. אויף דעם אַכזריותדיקן אַקט האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַ ציקל לידער "גרוש פּוילן", וועלכע פאַרנעמען אַ גרויסן שטח פון זיין 6־טן בוך ("אין דמיון פאַרזיגלט") און אויך פון דעם 7־טן ("אין צווישן גרין"). די דאָזיקע לידער אונטערשיידן זיך פון די פריערדיקע נישט נאָר מיט זייער אינהאַלט, נאָר אויך מיט זייער פאָרעם און זשאַנער. אַלץ שטרענגער ווערן די ריטמען – די תרועות און די שברים, וואָס שאַלן אַרויס פון די פערזן. די לידער שליסן אין זיך איין עפּישע סטראָפעס. די מערסטע טייל פון זיי שטעלן מיט זיך פאָר הויך־קינסטלערישע דראַמאַטישע פּאָעמעס, וועלכע פאַרקערפּערן דערשיטערנדיקע בילדער פון דער דאָזיקער צייט... מיט גרויס מייסטערשאַפט און וואָרהאַפטע פאַרבן שילדערט דער דיכטער דעם צער פון טויזנטער יידן – "וואַרשעווער, לאָדזשער און ביאַלאָסטאָקער, בריסקער, ווילנער און איישישאָקער", וועלכע מוזן פאַרלאָזן "די ערד די פּוילישע, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַזוי פיל יידיש בלוט און טרערן", די שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן "קיין מאָל נישט איבערגעריסן צו וועבן דאָס פילפאַך קאָליריקע יידישע לעבן", און

"......איצט פאַרלאָזן מיר דיך פּוילן,  
און ס'פאַרגייט פאַר אונדז דיין שיין  
און דו אַליין וועסט ענדלעך בלייבן  
יודענריין".

יאָ, יודענריין! דאָס, וואָס היטלער מיט זיינע מערדערישע חילות האָבן נישט דערפירט צום ענדגילטיקן סוף, האָט שטילערהייט, אָן גאַז־קאַמערן און אָן מאַסן־שחיטות אָפּגעטון די פּוילישע קאָמוניסטישע רעגירונג. אין פּוילן זענען פאַרבליבן עטלעכע טויזנט פּענסיאָנערן, וועלכע דערלעבן זייערע עלטערע יאָרן אין לאַנד, ווו עס זענען פאַרבליבן נאָר "בית עלמינס", צו וועלכע עס וועט שוין קיינער ניט גיין אויף קבר אָבות, און נאָר "בייזע ווינטן וועלן די מתים וועקן".

אין די דאָזיקע פּאָעמעס טרעט אַרויס דער דיכטער נישט ווי קיין באַוויינער, נישט ווי אַ באַקלאָגער, נאָר ווי אַ קעמפער, ווי אַן אָנקלאָגער:

"...אַן אויסגעגלייכטער – שטאָלץ, דעם קאָפּ  
פאַרהויבן,  
איך גיי אַוועק  
און דו שמיר אויס אַליין זיך אינעם דרעק,  
וואָס דו האָסט געוואָרפן טאָג און נאַכט  
אין מיינע שויבן,  
זאָל זען די גאַנצע וועלט דיין שאַנד,  
איך זאָג זיך אָפּ,  
כ'וויל מער נישט זיין קיין בירגער פונעם לאַנד".

("אין דמיון פאַרזיגלט", ז. 86 )

די גרוש־לידער זענען איינע פון די הויפּט־טעמעס פון מ. שקליאַרס שאַפן אין דער דאָזיקער צייט. זיי פאַרנעמען, ווי געזאָגט, כמעט דעם גאַנצן שטח פון דעם 6־טן בוך ("אין דמיון פאַרזיגלט") און אויך פון דעם 7־טן בוך ("אין צווישן גרין"). אין דעם לעצטן האָט דער דיכטער פאַרעפנטלעכט זיין גרעסערע פּאָעמע־עפּאָפּייע "אַזוי זענען יידן געגאַנגען פון פּוילן". דאָס איז דאָס גרעסטע ווערק, וואָס איז אַרויס פון מ. שקליאַרס פען. עס באַשטייט פון 11 קאַפּיטלען און פאַרנעמט 37 דרוק־זייטן. דאָס איז אַ

קינסטלערישע מגילה וועגן דעם יידישן לעבן אין פוילן במשך דעם לעצטן פערטל יאָרנהונדערט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז אַ ברייטע ליריש־עפּישע פּאַנאָראַמע פון אַלע איבערלעבענישן און געשעענישן, וואָס זענען אויסגעפּאַלן אויפן גורל פון דעם פוילישן יידנטום. אין דעם דאָזיקן ווערק ווערט באַוויזן דער חיהשער פּרצוף פון אַנטיסעמיטיזם, זיין נידערטרעכטיקייט און נישטיקייט. אין דער פּאָעמע איז נישטאָ קיין צענטראַלער העלד, הגם עס ווערן אַרויסגעפירט פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן. דער צענטראַלער העלד איז די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן. די פּסיכאָלאָגיע פון דעם פוילישן יידן פּנים אל פּנים מיט די אומגעהערטע אויספּרוּוון און גרויסע אומגליקן – אָט דאָס איז דער עקר אין דער דאָזיקער פּאָעמע. זי פאַרענדיקט זיך מיט די פּערזן:

"...אַזוי זענען יידן פון פוילן געגאַנגען,
און יעדער געטראָגן האָט זיינע געראַנגלען –
סיי די וועמען שווער געווען איז זיך צו שיידן
מיט היים, וווּ געווען זענען פריידן און ליידן,
סיי יענע, וואָס האָט צו דער היים נאָך געבונדן
דאָס בלוט פון אַ פאָלק, וואָס איז דאָרטן פאַרשוווּנדן.

– – – – – – – – – – – – – – – – –

דער וועג איז געווען אַ קורצער פאַר איינע –
אַראָפּ פונעם האַרצן עס זענען די שטיינער,
פאַר אַנדערע איז ער געווען אַ לאַנגער –
זיי זענען נאָך אַלץ (ביז היינט ) צו זיך נישט דערגאַנגען"

ג

די לידער, פון מ. שקליאַרס לעצט בוך ("ליד און לעבן", 1988) און אויך זיינע שפּעטערדיקע לידער, וועלכע דערשיינען אין פאַרשידענע ליטעראַרישע זשורנאַלן, שטעלן מיט זיך פאַר די העכסטע מדרגה פון זיין פּאָליפאָנישן שאַפן. אין די דאָזיקע לידער קלינגט דאָס וואָרט פון אַ רייפן מייסטער.

די אויבן אָנגערופענע לידער־זאַמלונג באַשטייט פון 6 ציקלען ("קאָנטורן", "שאָטנס", "אין אַלבאָם פון זכרון", "יידישקלאַנג", "אין יעדן טראָפּן", "ווערטל און וואָרט"), און איז אַ פּאָעטישער געבלום (קראַנץ) פון זכרונות, פון "לעבן", בילדער און קלאַנגען, פאַרשידנאַרטיקע לירישע און פילאָסאָפישע מאָטיוון. מיר זעען דעם דיכטער אין זיין וווּקס און אַנטוויקלונג, אין זיין געראַנגל פאַר פאַסיקן וואָרט, פאַר אייגענעם סטיל, פאַר זיין אינדיווידועלן חותם.

די לידער אין דעם בוך טיילן זיך אויס פון די פריערדיקע ניט נאָר מיט זייער טעמאַטיק, נאָר אויך מיט זייער זשאַנרישער פאַרשידנהייט, מיט זייער מאָלערישער בילדערישקייט. אָפט זענען דאָס פאַרשידענע קאָלאָריטפולע פּייזאַזשן, באַרייכערטע מיט רינער עמאָציאָנעלער אָנגעזעטיקטקייט פון אימפּרעסיאָניסטישער קונסט:

"זאַפטיקער און גרינער ווערן גראָזן,
די ביימער – פול מיט צוויט.
פון הימל־שטייג אַרויסגעלאָזן
אַ בלויער פויגל פליט.

בלויער שאָטן אויף די גראָזן,
גרינער – אויפֿן פֿויגל־פֿלי.
באַלד הייבט אָן אַ ווינטל בלאָזן,
גלעט דעם וווּנדער־אינדערפֿרי." (דאָרטן, ז. 23)

באַזונדערס מוזן דאָ אָפּגעמערקט ווערן די פּאָעמעס פֿונעם ציקל "אין אַלבאָם פֿון זכרון". ("צוריקקער", "מיט ווייטיק אין האַרצן און רופֿן פֿון דורות", "שווער צו אונטערשיידן", "יידישע אַקטיאָרן פֿון פּוילן" און באַזונדערס, די ליד מיט וועלכער עס איז באַצייכנט דער דאָזיקער ציקל). זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אייגנאַרטיקן רעטראָספּעקטיוון איבערזיכט פֿון די פֿריערדיקע איבערלעבונגען. "מיט אָנגעשפּיצטע נערוון און מיט ציטערדיקע פֿינגער" מישט דער דיכטער די "אַלבאָם־בלעטער", און אַלץ, וואָס איז שוין לאַנג פֿאַרגאַנגען "לויפֿט מיר פֿאַרביי". אין דעם דיכטערס אונטערבאַוווּסטזיניקן זכרון באַווייזן זיך "נאַכט. אין חלום" פֿאַרשידענע בילדער פֿון זיינע קינדעריאָרן: "דעם ערשטן שבת אָן דער מאַמען", "דער טאַטע "מיט פֿאַרווייַנטע אויגן". פֿון דעם ווייטן עבר שווימען אַרויס און באַווייזן זיך "ערטער און פּלעצער" (......) "צווישן אוראַלער שנייען", און וואַרשאַווער יידן, וועלכע "אין געטאָ גייען",(......)" דער מאַמעס האַנט, / די מאַמע, / מיין פֿאָלק / וואָס כ'האָב פֿאַרלוירן / צווישן געטאָ־פֿלאַמען".

מיט דעם לעצטן בוך האָט משה שקליאַר ווידער באַרייכערט אונדזער יידישע פּאָעזיע מיט אויסגעקריסטאַליזירטע בצמצומדיקע קינסטלערישע מיניאַטורן. אָט איז איינע פֿון זיי:

"זיי שטייען אַנטקעגן אייניאַנדער –
די פּאַלמע די שטאָלצע,
וואָס גרייכט ביז די וואָלקנס
און דאָס קאַרליקל ביימל
מיט אָראַנזשן פֿול.
צווישן זיי איז אַ סאַזשלקע
גלייך צו אַ נול
און ביידע דערטרינקען אין איר
זייער אומעט
צוזאַמען מיט מיינעם
אין טעג פֿון סוף זומער. (דאָרטן, ז. 9)

אין "ליד און לעבן" זענען אויך אַריין אַ ריי ישׂראל־לידער ("שאַלאָם", "פֿאַרנאַכט אין נגב", "סדום", "שלום עליכם ריר טביה", "דאָס פֿייער ברענט נאָך", א.א.). אין זיי דערזעען מיר דעם דיכטער, ווי אַ געטרייען ישׂראל־פּאַטריאָט אין פּולן זין פֿון וואָרט. דעם לעצטן בוך באַשיינען אַ היפּשע צאָל ליבע־לידער. די לעצטע (ווי אַלע פֿריערדיקע) זענען געווידמעט זיין פֿרוי דבורה. אויך זיי זענען וואָרט־שפּאָרעוודיקע און באַרייכטע מיט גרויסער לעבנס־דערפֿאַרונג, וועלכע ער האָט דעראָבערט במשך פֿון זייער צוזאַמענלעבן. אויך דאָ, נוצט זיך דער דיכטער מיט רעטראָספּעקציע. אויך איצט זעט ער זיין לעבנס־באַגלייטערן אַזאַ ווי זי איז געווען פֿאַר אים אין די ערשטע טעג פֿון זייער ליבע. אָפּט אַנטפּלעקט זי זיך צו אים "אין מיטן פֿון דער נאַכט, מיט אַ ליכט, וואָס

האָט אַריינגעלאַכט אין אַלע ווינקלען פון מיין הויז". ער באַמיט זיך פאַרהיטן איר בליק אין זיין "שוואַרצאַפּל": "און ווען דו וועסט קערן צוריק / און פאַרשווינדרן / אין נעפּל פון צייט / זאָל בלייבן דיין שיין / מיט מיר בלויז / מיט מיר בלויז / אַליין".

די אייגנאַרטיקייטן פון מ. שקליאַרס פּאָעטישער שפּראַך, די פאַרשידנהייטן פון זיין מוזיקאַלישער קלאַוויאַטור, די רייכקייט פון ריטמען און אינטאָנאַציעס – דאָס אַלץ אַנטפּלעקט זיך אין זיינע ליבע־לידער. צוריקגערעדט, נישט נאָר אין זיי....

אַ פאַרליבטער אין לשון יידיש, זינגט ער איניקע פון זיינע צאַרטסטע לידער וועגן "לידער", וועגן ליבע צום יידישן וואָרט. דער גרויסער ציקל לידער "יידישקלאַנג" און אויך אַ סך אַנדערע פון דעם מין דריקן אויס דעם דיכטערס יסודות אמונה, זיין קרעדאָ. ער גלייבט באמונה שלימה אין דעם נצח ישראל, אין דער אומשטערבלעכקייט פון דעם יידישן לשון קודש, "יידישקלאַנג איז נישט פאַרגאַנג", און אויך אין דעם, אַז זיין אייגן ליד "וועט נאָך רווישן יאָרן שפּעטער" און וועט נישט שטומען. אין אַ ריי לידער טיילט זיך דער דיכטער מיט דער זריעה און בריאָה פון זיין ליד. זי קומט אים אָן ניט גרינג, אין ליידן. "און ס'טוט ווי דאָס ליד / וואָס האָט נישט אויפגעבליט,/ און יעדעס וואָרט טוט ווי"./ אין אַזעלכע געפערלעכע מאָמענטן ווענדעט ער זיך צו זיין שטענדיקער רעטערין:

"טייערסטע
"איך בין היינט קראַנק
אויף ליד
און ס'ציט
דער הונגער
צו אַ וואָרט" (......)

- - - - - - - - - - - - - - - - - -

"אפשר ווייסטו טייערסטע
פון יענעם וואָרט
דעם ריכטיקן אַדרעס
אַנדערש וועל איך אויסגיין שטאַרבן
מיט נישט פאַרענדיקט ליד
און לעבן". (דאָרטן, ז. 100)

און נאָך דעם, ווען דאָס נייטיקע וואָרט ווערט געפונען, הייבט זיך אָן די "מי און מאַטער" פון זוכן דעם געהעריקן ניגון (וועלכער "גייט מיר נאָך.....דאַכט זיך, פון וויגל" (...) "און קאָן זיך נישט דערמאָנען..../ דער "שטומער ניגון, וואָס וויל נישט שטומען"), און אויך דעם פּאַסיקן "ריטעם פון דעם ליד, וואָס מאַכט האַסטיקער די טריט". אַזוי "אין ליידן און אין פּיין" ווערט געבוירן דאָס נייע ליד.

מיט אַ באַזונדערן חן און מיט פּאָלקסטימער וואַרעמקייט שיינען אַרויס די האַרציקע לידער געווידמעט זיינע אייניקלעך – דינה און יהודית. פון זיי ווערט דער זיידע "מיט פרייד.... אַנגעלאָדן", פון זייער "שמייכל בלויז, אַ בליק" ווערט ער "אויף ס'ניי געבאָרן", און, ווען ער דערהערט פון זיין דינהלען, די ערשטע צוויי יידישע ווערטער "זיי געזונט", נעמט ער אַרום און צערטלט....

"די גוטע ווערטער צוויי,
זיי געזונט מיין אייניקל,

זיי געזונט מיין קליינינקע,
מיין האָפנונג גיב אַ גרונט - "
("וישמע אלהים את קולו" - און זיין האָפענונג איז מקוים געוואָרן - זיין 12־יאָריקע רינהלע האָט היינטיקס יאָר, אין לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב געלייענט איר ערשט ליד, געווידמעט דעם וואַרשעווער געטאָ.)

אָט אַזוי האָט זיך פאַראייניקט משה שקליאַרס לעבן מיט זיין ליד - אין איין גרויסן שיר המעלות -"ליד און לעבן."

ד

משה שקליאַר איז אַ מייסטער, וואָס ווייסט און שאַצט די קראַפט פון קינסטלערישן וואָרט - דעם יסוד, דעם גרונט־מאַטעריאַל פון ליטעראַטור בכלל און פון פּאָעזיע בפרט. ער איז דער באַזינגער און דער פאַרהייליקער פון דער יידישער פאָלקס־שפּראַך. זיין סטראָפע איז שטענדיק פעסט צעמענטירט. דער דיכטער איז אַ געטרייער שומר פון יידישער גייסטיקער טראַדיציע - פון אַלטע און נייע קולטור־ווערטן. אין זיינע לידער איז ער אַ שטענדיקער שטרעבער צו פשטות און צו קינסטלערישער שלימות. זיין שעפערישע פילאָסאָפיע, נישט געקוקט אויף פאַרשידענע טראַגישע איבערלעבונגען, איז אין תוך אַן אָפּטימיסטישע, און זי באַאיינפלוסט די נגינה פון זיינע לידער.

משה שקליאַר איז איינער פון די באַדייטנדיקע מייסטערס פון לירישער פּאָעזיע. וועגן וואָס ער זאָל ניט דיכטן - וועגן ליבע, נאַטור, סאָציאַל־היסטאָרישע געשעענישן, וועגן נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט - איז ער שטענדיק אַ ליריקער, אַ טיפער אויסדריקער פון קאָמפּליצירטע מענטשלעכע געפילן און איבערלעבונגען. דעם דיכטערס ליריק איז פאַרבונדן מיט זיין עסטעטישער וועלט־אַנשויאונג, מיט זיין מעטאָד פון אויפפאַסן די ווירקלעכקייט.

דער הויפּט־כוח פון מ. שקליאַרס דיכטונג איז אין איר פאָלקסטימלעכקייט. פון זיינע לידער שפּרודלט אַרויס תמימות, פרישקייט, עכטקייט - די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון פאָלקסטימלעכער פּאָעזיע.

דעם דיכטערס לידער זענען אָנגעפילט מיט מעלאָדישע קלאַנגען. (ער "הערט דעם מינדסטן שאָרך, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן ערגעץ ווו" אין זיין געמיט) און אויך - מיט פּילקאָליריקע פאַרבן. פון זיי שאַפט ער זיין איגנאַרטיקע נגינה און מאָלט זיינע פּאָעטישע בילדער.

מיין קורצער איבערזיכט פון משה שקליאַרס דיכטונג פּרעטענדירט ניט אויף אויסשעפּנדיקער פולקייט. נאָך פרי צו אונטערציען סך־הכלען. דער דיכטער איז נאָך אַלץ "אין ניי געזאַנג", אין "ווייטערגאַנג", און עס איז ביי אים "פאַראַנען כוחות נאָך גענוג". און אָט איז זיין פאַרלאַנג:

"איז פיר מיך שיפל פלינק און קלוג,
ס'איז נאָך ווייט ביז צום פאַרגאַנג".

ש. ניגער האָט אין זיין ווערק "קריטיק און קריטיקער" געשריבן: "די קונסט פון אמתע קריטיקער ליגט אין באַוווּנדערן די ווונדער פון שאַפן. קריטיק איז שיינקייט־זוכעניש, קריטיק איז ליבע". דאָס איז אויך דער זין און ציל פון מיין אָפּשאַצונג וועגן משה שקליאַרס שאַפן.

משה שקליאַר

# פון מיין "לידערלאַנד"

## די פאַרבראָכענע הענט פון מיין מאַמען

אומעטום זע איך זיי ווידער,
זיי ברעכן אין פּיין זיך צוזאַמען - - -
צווי ליכטלעך אַ טיש און אַ סידור,
דערנעבן די הענט פון מיין מאַמען.

פאַרבראָכענע הענט פון מיין מאַמען
בייַם שוועל פון דער אָפענער טיר -
צווי בלאַסע פאַרציטערטע פלאַמען
גייען אין פוסטריט נאָך מיר.

זיי גייען פון ווייט מיר אַנטקעגן,
און וועבן אַרום מיינע טריט זיך,
די פלאַמען זיי שרייען אויף וועגן -
היט זיך אַ, זון מיינער, היט זיך!

אַ, מאַמע, כ'וועל היטן, פאַרהיטן,
דאָס לעבן אויף חרובע שטאַמען - - -
כ'זע ליכטלעך, אַ טיש און אין מיטן
עס ברענען די הענט פון מיין מאַמען...

1947

## שטיל גייט אויס דער טאָג

אין מיין וועלט - דעם קליינעם גאָרטן -
האָט שוין אָפּגעוועלקט דער זומער.
אויף שמאָלע סטעזשקעס
פאַלט דער שאָטן פונעם האַרבסט
און ווייטע שטראַלן -
פאַסמעס גאָלד
פלאָנטען זיך
ביי מיינע טריט.
שטיל, שטיל
גייט אויס דער טאָג
און צאַפּלט זיך
אין נעץ פון די שטאַכעטן.

1956

## וויפל לידער

וויפל לידער האָב איך אויסגעשוויגן
אין די שרייענדיקע טעג,
וויפל זענען נאָך געבליבן ליגן,
ווי די שטיינער אויפן דעך?

וויפל לידער האָב איך אויסגעווייטיקט
אין גראַנגלעניש מיט זיי?
היינט - ווען פרוכטן זענען צייטיק
איז געבליבן מיר - דער ווי.

1966

## מאַלצייט

דער ווין ווייַנט אַריין אין די כוסות,
וואָס זענען צעשטעלט ביי די ראַנדן פון טיש,
ווי די שטערן פונעם "גרויסן בער"
מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ
פיר
די אַרבע כוסות פינקלען
אין אָוונטיקער שיין
און לעשן זיך פאַמעלעך
אויף די ליפּן
פון די געסט - מיינע אומגעבראַכטע
ברידער.

1966

# כנרת

אין שטילער פֿאַרנאַכטיקער שעה
דער הימל הענגט רואיק און בלאָ
אַריבער כנרת דעם ים.
פֿון בערג פֿאַלן שאָטנס צום דנאָ
אין שטילער פֿאַרנאַכטיקער שעה
און לעשן דעם זוניקן פֿלאַם.

די פֿישער גענענען צום ברעג,
אַ מיפּולער טאָג איז אַוועק –
איצט לאָדן זיי אויסעט דעם פֿאַנג.

אויף פּנימער שטייט נאָך דער פֿלעק
פֿון מיפּולן טאָג וואָס אַוועק
און פֿול ווערט די לופֿט מיט געזאַנג.

פֿון ווייט כ'האָב פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער
און כ'שפּיץ איצטער אָן מיין געהער –
אין האַרצן שניידט איין זיך דער קלאַנג:
כנרת, כנרת, קנר – – –
ווי שווער איז זיך שיידן, ווי שווער,
מיט אָט דעם פֿאַרבענקטן געזאַנג.

1975

# ערבליידן

אַ שטילקייט אַזאַ
אַ גרויע שטילקייט
הענגט איבער מיר
און אין מיר
אַ מילדקייט אַזאַ
אַ בלויע מילדקייט
הענגט איבער מיר

און אין מיר
אַזוי איז אַוודאי געווען
ערב באַריר
און צעשיידונג
אַזוי איז אַוודאי געווען
ערב ליידן

1986

# די גרענעץ

איז דאָס די גרענעץ
און ווייטער קיין טראָט?
געענדיקט דער חשבון
מיט זיך און מיט גאָט?

...געגאַן דורכן לעבן
מיט ליד און מיט לייד,
מיט פֿראַגן אַזוי פֿיל
אָן אַ באַשייד,
מיט טראָציקער ווילדקייט
און וואַקלענדע טריט,

מיט קינדערשער מילדקייט
וואָס כ'האָב אויפֿגעהיט
ביזן סוף, ביזן סוף...

– – – – – – – – – – –

זאָל דאָס זיין די שטראָף?

– – – – – – – – – – –

אָ, לאָז מיך
אַריבער דער גרענעץ אַ שפּאַן,
לידער אַזוי פֿיל
אין האַרץ נאָך פֿאַראַן!

1995

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים

# די קוראָלאַפּקע אָדער דאָס הינערישע פּיסל

מען האָט מיך אַוועקגענומען אין אַ זייט צו קאָנטראָלירן די וואַליזן.

פון דער גאַנצער פּאַסאַזשירן־ריי, וואָס האָט געוואַרט און זיך פּאַרויסגערוקט פּאַמעלעך צום אַרויסגאַנג, האָט מען דווקא מיך אויסגעקליבן.

אַזוי ווי כ'האָב ניט געהאַט קיין שום פּאַרדעכטיקטע זאַכן אין מיין באַגאַזש, בין איך געווען רואיק און געענטפערט מיט אַ שמייכל אויף די אויסדרוקן פון מיטגעפיל, וואָס כ'האָב באַמערקט אויף טייל פּנימער פון די מיטרייזנדע.

דער קאָנטראָלער, וואָס האָט בודק געווען מיינע צוויי וואַליזן, האָט געטראָגן ווייסע הענטשקעס און אָן אויפהער געקייט מאַסטיק.

ער האָט מיר געהייסן עפענען די דעקלעך און מיט קענטיקער הנאה אַריינגעלאָזט זיינע צוויי הענט צווישן די אַקוראַט אויסגעלייגטע העמדער, שיך, הויזן און אַנדערע שאַלאַמויזן, וואָס מען נעמט מיט מיט זיך אין וועג אַריין. די אַקוראַט אויסגעסדרטע זאַכן האָבן אונטער דעם קאָנטראָלערס פלינקע הענט גענומען אַרויסשפּרינגען, אַרויספליען פון די וואַליזן, ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס אַנטלויפן פון אַ שרפה. ער האָט יעדער טייל פון מיין גאַרדעראָב אַרומגעטאַפּט פון אַלע זייטן. ניט פאַרלאָזט זיך בלויז אויפן חוש המישוש און די זאַכן אויך אויפגעהויבן צום עלעקטרישן ליכט, אויף צו זען וואָס עס טוט זיך צווישן די געוועבן. דעם אַרויסגענומענעם טייפּרעקאָרדער איז ניט מעגלעך געווען דורכצוליכטן - האָט ער אים צעשרויפט. אַפילו די אָנגעטראָפּענע טיובעס מיט ציינפּאַסטע געעפנט, אַ קוועטש געטאָן, אויף זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז ניט מער ווי ציינפּאַסטע. ווען זיינע אומגעדולדיקע הענט האָבן זיך דערקליבן צו דער פלאַש מיטן פראַנצויזישן קאָניאַק, האָט ער די פלאַש אַ לאַנגע וויילע באַטראַכט, ווי דאָס וואָלט געווען מי יודע וואָס פאַראַ געפינס.איידער ער האָט די פלאַש אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט, האָט ער די געלב־גאָלדענע פליסקייט צעטרייסלט און געוואַרט ביז דער קאָניאַק האָט זיך איינגעשטילט און זיך אַראָפּגעזעצט. באַלד נאָכן קאָניאַק, האָט זיך באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך מיין קליינער וועקזייגער, וואָס כ'נעם מיט אין אַלע מיינע רייזעס. דעם וועקזייגער האָט ער ניט צענומען, אָבער דעם גלאָק אויסגעפּרוווט איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז עס איז אים נמאס געוואָרן די שפּיל.

ווען דער גאַנצער אינהאַלט פון די צוויי וואַליזן איז שוין געווען צעוואָרפן און צעקנאָדערט אויפן ברייטן טיש, האָט דער קאָנטראָלער זיך גענומען צו די וואַליזן. כ'האָב מורא געהאַט, אַז פון זיי וועט גאָרניט בלייבן, אָבער, ניין, זיי זענען געבליבן גאַנץ. ער האָט בלויז מיט אַ געניטער האַנט דאָ און דאָרט אַ קלאַפּ געטאָן, אַ טאַפּ געטאָן, זיך צוגעהערט צום קלאַנג, וואָס דער קלאַפּ האָט אַרויסגערופן און מיט דעם זיך באַנוגנט.

איך האָב פאַר אים ניט עקזיסטירט. ער האָט מיך אויף אַ בולטן אופן איגנאָרירט. ער האָט מיך גאָרניט געפרעגט, גאָרניט געזאָגט. געבאַלעבאַטעוועט איבער מיין פאַרמעגן ווי דאָס וואָלט אויסשליסלעך צו אים געהערט און איך בין צופעליק, אָדער ניט צופעליק נאָר אַ זייטיקער צוקוקער, וואָס טאָר זיך ניט מישן אין זיינע געשעפטן.

ווען ער האָט ניט אַזוי געשווינד געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, האָט מען גלייך

דערשפירט אַן ענדערונג אין זיין באַנעמונג, אין זיינע באַוועגונגען. ער האָט די אָנגעהויפּטע זאַכן גענומען אויף ס׳ניי טרייסלען, וועגן און מעסטן. ער האָט פֿאַרשנעלערט דעם טעמפּאָ. די הענט האָבן שוין געאַרבעט אויף דער פּולער פּאַרע. דאָס איז שוין גיכער געווען אַ מיל. אַרויף און אַראָפּ. געשווינד און געשווינדער. נאָר די ווייסקייט פֿון די הענטשקעס האָט געמיניעט און געבלענדט פֿאַר מיינע אויגן. פּאַראַלעל איז די געשווינדקייט פֿון קייען דעם מאַסטי״ק געשטיגן פֿון מינוט צו מינוט.

פֿון זיך צו פֿיל איילן, האָט מיין קאָנטראָלער זיך באַגאָסן מיט שוויס. דער שוויס איז אים גערונען איבערן פּנים און אים פֿאַרגאָסן די אויגן.

ווען עס האָט זיך אים געראַכט, אַז איך קוק מער אויף מיינע צוואָרפֿענע זאַכן ווי אויף אים, האָט ער אויסגעטאָן אַ הענטשקע, אויף אָפּצווישן זיך דאָס געזיכט. כ׳האָב צו מיין גרויס שטוינען באַמערקט, אַז אָנשטאָט אַ האַנט, האָט דער פֿאַרשוין אַנטבלויזט אַ קוראָלאַפּקע, אַ הינעריש פֿיסל.

ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז איך קוק ניט אין דער זייט פֿון די וואַליזן, נאָר מיין בליק פֿאָרשט זיין יעדער באַוועגונג, האָט ער בליץ־שנעל אָנגעטאָן די הענטשקע און ווי קיין מאָל גאָרניט געפּלאָנדערעוועט מיין האָב און גוטס.

הענט און פֿיס האָבן מיר געציטערט. דאָס מויל איז מיר פֿון שרעק אויסגעטרוקנט געוואָרן. די צונג האָט זיך קוים, קוים באַוועגט. כ׳האָב זיך אָבער פֿאַר יעדן פּרייז געמוזט באַהערשן, אויב כ׳וויל אַרויס אַ גאַנצער פֿון זיין רשות און ניט געניזוקט ווערן. מיט איבערמענטשלעכע כוחות האָב איך געהאַמעוועט דעם פּחד, מען זאָל אים ניט אָנזען אין מיין בליק און כ׳זאָל קאָנען ווייטער אָנטייל נעמען אין דער שפּיל פֿון אַ קאָנטראָלער און אַ קאָנטראָלירטן. כ׳האָב זיך געמאַכט תמעוועטע, ווי ס׳וואָלט קיין שום זאַך ניט פּאַסירט און איך האָב גאָרניט, אָבער טאַקע גאָרניט געזען. דעריבער האָב איך זיך אָנגעשטרענגט און אים געבעטן אויף דעם נאַטירלעכסטן אופֿן (אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט), אַז ער זאָל אַזוי ניט וואַרפֿן מיינע זאַכן און זיך רעכענען מיט עמעצנס פֿאַרמעג. ער האָט ווי ניט געהערט. כ׳האָב אים אויך געזאָגט, אַז כ׳וועל זיך אויף אים באַקלאָגן ביי דער דירעקציע פֿונעם פֿליפֿעלד.

אויף דעם האָט ער זיך, ווייזט אויס, ניט געריכט. מיין געוואַגטקייט האָט אים אויף עטלעכע מינוט פּאַראַליזירט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי ער האָט זיין קאָפּ אויסגעדרייט דירעקט צו מיר און מיך אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, כדי זיך איבערצייגן, אַז דאָס וואָס איז נאָר וואָס געזאָגט געוואָרן, איז געקומען פֿון מיין מויל. אין זיינע פֿאַרוואָסערטע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן בייזע פֿייערלעך. פֿון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קורץ און שלעכט־געהאַמעוועטער קריי:

– גיי. גיי. צו אַלדע שוואַרצע יאָרן

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט ער זיך ווידער גענומען צום איילִיקן זוכעניש. צום סוף האָט ער זיך מיאש געווען. אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. פֿאַרקרימט זיך. אויסגעשפּיגן דעם מאַסטיק און מיך איבערגעלאָזט מיט מיין באַגאַזש.

כ׳האָב געשווינד, געשווינד אַריינגעוואָרפֿן אַלץ מיט אַלעמען אין די וואַליזן. זיי האָבן זיך אָבער ניט געלאָזט צומאַכן. האָב איך זיי מיט די צעעפֿנטע בייכער אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן וועגעלע, זיך אומגעקוקט צי דער הענטשקעוואַטער קומט ניט צוריק, צי ער האָט מיך טאַקע אויף אַן אמת אָפּגעלאָזט, צי כ׳בין ניצול געוואָרן פֿון זיינע נעגל און כ׳בין וואָס גיכער אַרויס פֿונעם צאַלאַמט.

אויסערן צאָלאַמט האָב איך געפּרוּווט אויסדרען מיין פּאַרמעגן אַקוראַט ווי פריער. די זאַכן זענען געווען צו פיל דענערווירט. זיי האָבן זיך ניט געלאָזט איינגעמען, ניט מיט גוטן און ניט מיט בייזן. זיי האָבן זיך געבונטעוועט און ניט צוגעלאָזט צו זיך.

כ׳בין געצוווּנגען געווען צו קויפן אַ דריטע וואַליזע. ניט קיין וואַליזע, נאָר אַ וואַליזקעלע.

ערשט שפּעטער, אויפן וועג צו דער טאַקסי־סטאַציע, ווען כ׳האָב זיך אַ ביסל אָפּגעקילט פון דער ניט געוויינטלעכער סיטואַציע, האָט דער מוח אָנגעהויבן אַרבעטן, ווי אַ מוח אַרבעט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען:

עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז ביים סוף פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען מען פליט מיט רזשעט־עראָפּלאַנען פון איין עק וועלט צו דעם אַנדערן עק, ווען מען דערגרייכט שוין מיט ראַקעטן צו דער לבנה, אַז אין אַזאַ היפּער־מאָדערנע צייט, זאָל מען זיך אָנגעגענען מיט שדים, מיט ניטגוטע, וואָס זייער אָרט איז אין די מוסר־ספרים און אין די מעשה־ביכלעך.

כ׳האָב באַשלאָסן זיך אומקערן מיטן האַנטוועגעלע און מיטן באַגאַזש צום קאָנטראָל־פּלאַץ און זיך גוט, גוט איינקוקן אין אָט דער בריאה, וואָס האָט מיך אַזוי לייכט געפּאַנגען אין זיינע נעצן און ווער ווייסט וואָס עס וואָלט ווייטער געשען, ווען ער באַפרייט מיך ניט באַצייטנס.

ווען כ׳בין צוגעקומען צום פּונקט, האָב איך שוין יענעם קאָנטראָלער מיט די ווייסע הענטשקעס ניט געטראָפן און די, וואָס זענען דאָרט יאָ געשטאַנען, זענען געווען אָן הענטשקעס. נאָר דאָס קייען מאַסטיק איז געווען ווי ביי יענעם. יעדער פון זיי האָט געטראָגן אויפן לאַץ פונעם בגד אַ פּלאַסטיק־טעוועלע מיטן פאַמיליען־נאָמען, אויף עברית און אויף ענגליש און מיט אַ פּערזענלעכע פאָטאָגראַפיע. ביי "מיין" הענטשקעוואַטן האָב איך אַזאַ זאַך ניט באַמערקט.

זיי האָבן מיך העפלעך אויפגענומען און געפרעגט צי עס פעלט מיר עפּעס פונעם באַגאַזש, צי נויטיק איך זיך אין עפּעס אָן אינפאָרמאַציע, אָדער איך זוך עמעצן?

האָב איך זיי געזאָגט, אַז מיט אַ קאַרגע שעה צוריק בין איך דאָ פאַרהאַלטן געוואָרן פון זייערס אַ קאָלעגע, וואָס האָט מיר באַפוילן צו עפענען די וואַליזן – איז מעגלעך אים צו זען, ווייל כ׳האָב מיט אים זייער אַ וויכטיקן ענין אויפצוקלערן?

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, אויף צו זען צי עס פעלט ניט עמעצער פון זייערע מיטאַרבעטער. איינער פון זיי, מיט אַ טעלעפאָן־מכשיר אָנגעהאָנגען אויפן אַקסל, האָט זיך אָנגערופן פאַרחידושט:

מיר זענען אויף דער נאַכטדינסט פינף אויפזעער. מיט אַ שעה צוריק זענען מיר אויך געווען – פינף. חוץ אונדזער פּערסאָנאַל האָט קיינער ניט קיין רעכט עמעצן צו פאַרהאַלטן, אָדער ביי עמעצן קאָנטראָלירן דעם באַגאַזש – טאָ ווער איז געווען דער, וואָס האָט אייך רעווידירט? אפשר ווייסט איר ווי ער הייסט, אָדער אפשר קאָנט איר אונדז אָפּמשלען זיין אויסזען?

כ׳האָב ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן. ס׳האָט זיך מיר ניט איינגעקריצט אין זכרון קיין איין שטריך פון יענעמס אויסזען. ס׳איז בלויז אַ שעה פאָריבער און איך האָב שוין ניט געדענקט צי יענער איז געווען יונג, אָדער אַלט. דיק, מיט אַ בייכל, אָדער מאָגער – הויט אוןביין, הויך, צי נידעריק. פאַר מיינע אויגן האָט בלויז פאַרבייגעשוועבט זיין באַוועגלעכער מויל, וואָס האָט אַזוי עקשנותדיק און מיט התמדה געקייט דעם מאַסטיק, די

גרוניאַ קאַהן / מאָנטרעאָל

# די זדאָבנע בולקע און די שפּילקע
## (אַ משל)

אַ זדאָבנע בולקע
האָט צופעליק באַמערקט
אַ שפּילקע:
"וואָס טוסטו דאָ"?
"איך קוק זיך צו
ווי מען מאַכט אַ בולקע.
אַזוי פיל אַרבעט אַרום דיר -
צוערשט פאַרקנעטן,
און דאַן דיך בעטן
זאָלסט אויסוואַקסן,
ניט בלייבן קליין.
מען גלעט דיך, בולקעלע,
פון אַלע זייטן.
איך קוק מיט כנאה פון דערווייטן
ווי מען פאַרפוצט דיך,
מען מאַכט דיך שיין.
אַלע לויבן דיך אַזוי -
געוואָרן ביסטו גאָר אַ וואָזשנע דאַמעו"

"דו שפּילקעלע, זיי ניט אײפּערזיכטיק,
ביי גאָט זענען אַלע וויכטיק.
ווער זאָגט איך בין אַ וואָזשנע דאַמע?
כ'ליג ביי אַלעמען אין מויל,
מען קייט, מען בייסט מיך מיט די ציין."

"אַ, ניין
ביסט, זדאָבנע בולקעלע, רייצנד־שיין
באַשמירט מיט פּוטער און מיט קעז,
קיין וווּנדער, וואָס אַ יעדער עסט.
פון מיר אַנטלויפט מען, ווי פון "פּויזן"
ווער ס'געפינט מיך, וואַרפט אַרויס אין דרויסן".

"ביסט ניט גערעכט.
זיי ניט בייז,
ביסט אַ דאָרשטיקע נשמה,
נעמסט נקמה.
שטעכסט און שטעכסט.
ס'איז ניט גוט צו צאַפּן בלוט.
דו, שפּילקעלע, קאָנסט אויך ברענגען נוצן,
וועט מען דיך, ווי מיך, פאַרפוצן".

מאַרץ, 1995

---

ווייסקייט פון זיינע הענטשקעס און די קוראַלאַפּקע, דאָס הינערישע פּיסל, וואָס כ'האָב אויף אַן אויגנבליק יאָ באַוויזן און ניט באַוויזן צו זען. זיי וואָלטן מיך, מן הסתם, אויסגעלאַכט - בין איך אַוועק.

כ'בין שוין ניט אַזוי זיכער געווען צי דאָס, וואָס איז מיט מיר פּאַרגעקומען, איז טאַקע אויף אַן אמת געשען. אפשר האָט מיין ניט אויסגעשלאָפענער קאָפּ דאָס אַלץ אויסגעטראַכט? אפשר איז אַ מענטש מיט הינערישע פּיסלעך, אַנשטאָט הענט, געווען בלויז אַן אויסדראַכטונג פון אַן איבער עלף־שעהדיקע, אויסמאַטערנדיקע רייזע מיטן עראָפּלאַן איבער די הימלדיקע הייכן פון גאָטס ברייטער וועלט?

די איינציקע, וואָס האָבן געקאָנט באַשטעטיקן, אַז דאָס, וואָס כ'דערצייל, איז געשען אויף דער וואָר, זענען געווען די וואַליזן - נאָר וואַליזן האָבן ניט די פעיקייט צו רעדן. וועל איך אויך שווייגן.

חנן קיעל / ניו־יורק

# מײַנע אָדיסייען נאָכן חורבן

## 1. אײַנגעוועבט אין זכרון

מאַרץ־1946, די באַן, אָנגעפּאַקט מיט יידישער רעפּאַטריאַנטן פון אוראַל האָט זיך דערווייטערט פון דער לאַרזער סטאַנציע, און איך, מיט אַ צערודערט האַרץ, האָב זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דער לאַנגער פּיאָטרקאָווער גאַס ראָג קילינסקי צו מיין איבערבלייב: אַ געראַטעוועטע טאָכטער פון אַכט יאָר און ליזאַ, מיין שוועגערין. דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן פון מיין משפחה. ס'איז געווען נאָך גאָר פרי ווען כ'האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר. ליזאַ האָט דערקענט מיין קול און געעפנט. געטראַכט האָב איך צו זען אַ פאַרמאַטערט מיידל נאָך די זעקס יאָר חורבן און געראַנגל פאַר לעבן. אַ יאָר נאָך דער באַפרייאונג איז זי געוואָרן בליענדיקער, ערנסטער און פרויאישער. גראָד זי, די שוואַכסטע און שרעקעוודיקסטע, איז לעבן געבליבן פון מיין פרויס משפחה, און איך – פון מיין משפחה.

מיין טאָכטער רוטקאַ איז איצט געווען אין אָטוואָצקער יידישן קינדער היים. אין דער אַ אינסטיטוציע פון דזשאָינט איז געווען אָנגעשטעלט אַ פערסאָנאַל פון דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטערס סאַניטאַרן און דערציערס; זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט די געראַטעוועטע יתומים וואָס זענען דורך די חורבן־יאָרן געווען אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן אָדער אין קלויסטערס. די קינדער האָבן זיך געניייטיקט אין אַ ספּעציעלער דערנערונג און פאַרשטענדעניש פאַר זייערע פסיכישע פּראָבלעמען. אַ יאָר נאָך דעם וואָס ליזאַ האָט אַרויסגענומען רוטקען פון קלויסטער, האָט ס'קינד אַלץ נאָך געטראָגן אַ גרויסן צלם אויפן האַלדז און מורא געהאַט דערקענט צו ווערן ווי אַ זשידאָוועטשקאַ.

ליזאַ איז געווען דער איינציקער עדות, וואָס האָט מיר געקענט דערציילן וועגן אונדזערע משפחות, מיינע עלטערן, ברידער שוועסטער, קרובים, פריינט און וועגן מיין פרוי סאַרקע – די קרוין פון מיין יוגנט. ביז 1944 איז סאַרקע נאָך אַלץ געווען אויף דער אַרישער זייט, זיך געראַנגלט צו ראַטעווען אונדזער קינד און איז אומגעקומען מיט די קרבנות פון דער האָטעל־פּאָלסקי־אַפּערע.

אָנגעזאָפּט מיט טרויער און טראָציקן ווילן צו עקזיסטירן נאָך זעקס יאָר געוואַלגער אין דער פרעמד, האָב איך איצט געפונען אַ נייע וואַרעמע היים מיט ליזאַ, און רוט. איך האָב אין זיך געפילט אַ וויינענדיקע פרייד, אַ ליבשאַפט און באַגער זיך צו קלאַמערן מיט מיינע אָפּגעפונענע נסימדיקע רעשטלעך פון געראַטעוועטן שבט. דער ערב־מבול פון אונדזערע פאַרצווייגטע משפחות אין פּוילן איז געבליבן איינגעוועבט אין זכרון און וועט מיט אונדז מיטוואַנדערן אויף וועגן און אומוועגן אין חלום און אין וואַכיקייט, אין אַלע דערווייליקע און איינגעפונדעוועטע נייע היימען.

מיין עלטסטער ברודער, חיים, איז אַוועק פון דאַנציק קיין אַמעריקע אין 1938 און אויסגעמיטן די זעקס טראַגישע יאָרן. ער איז אין ניו־יאָרק געוואָרן פאַרמעגלעך און איצט זיך געסטאַרעט צו ברענגען אונדז קיין אַמעריקע. דערווייל וווינען מיר אין לאָדזש אויף דער קילינסקי־גאַס, די איינציקע יידן אין הויז. לאָדזש, מיין וווּנדערלעכע יידישע גרויסשטאָט פון מאַניפאַקטור־געשעפטן, פאַבריקן, פּאָזנאַנסקי, ווידזעוו; די אָגראָדאָווע האַלעס, דאָס אָרעמע באַלוט. די גאַסן האָבן געזונגען יידיש; די שטאָט פון יצחק

קאַצענעלסאָן און בראָדערזאָן, פון טווים און בראָניעווסקי מיט זיינע לידער - (רויך איבער דער שטאָט). איך האָב דאָ געוווינט פיר יאָר - ביז 1939 און בין געווען איינקויפער פאַר מיין טאַטנס הורט־געשעפט אין דאַנציק. סאַרקע, אַ קראַנקן־שוועסטער, האָט אָנגעפירט מיטן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע, אַן אינסטיטוציע פון דער לאָדזשער קהילה. אין לאָדזש האָב איך געענדיקט די פוילישע אָוונט־גימנאַזיע. אונדזער רוטקע איז דאָ געבוירן געוואָרן אויף דער גדאַנסקע־גאַס. מיר זענען געווען אַרומגערינגלט מיט פריינד, אָפט פאַרבראַכט אין אַ קולטור־סביבה פון ליטעראַטור, טעאַטער, קאָנצערטן. מיר האָבן געקלעטערט אויף די בערג פון זאַקאָפּאַנע אָדער בעסקידן; געווען צו גאַסט ביי מיינע עלטערן אין דאַנציק, אָליוואַ און צאָפּאָט. איך בין געווען רעגיסטרירט פאַרן אוניווערסיטעט אין דער שווייץ - און אין זעלבן יאָר זענען אַלע פּלענער געוואָרן איבערגעריסן. דאָס רייכע קאַפּיטל יידיש לעבן אין דאַנציק האָט זיך געענדיקט און יידן האָבן אַוועקגעוואַנדערט ווו די אויגן טראָגן. מיינע עלטערן זענען צוריקגעקומען קיין פוילן און אין יאַנואַר האָט זיך די גאַנצע משפחה ווידער באַזעצט אין אונדזער געבוירן־שטאָט טשענסטאָכאָוו. מיר האָבן נישט געאַנט, אַז ס'דערנענטערט זיך דער סוף פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן.

## 2. אַ געראַטעוועט קינד

איך בין אָפט געגאַנגען אין יידישן קאָמיטעט זוכן באַקאַנטע פּנימער, איבערקוקן די ליסטע פון צוריקגעקומענע פון די לאַגערן, נעמען, אַדרעסן; געווען מזלדיקע יחידים, אָבער אונדזער וואַרטן איז געווען אומזיסט.

משה שקליאַר האָט מיך באַזוכט אין לאָדזש. מיר זענען אַוועק אין שרייבער־פאַריין, זיך באַקענט מיט יוסף רובינשטיין, נחום באָמזע, משה גראָסמאַן א.א. שקליאַר האָט געטראַכט בלייבן אין פוילן, איך האָב אין פוילן מער נישט געקענט לעבן.

מיטר רוטקען האָב איך שפּאַצירט איבער די גאַסן, געכאַפּט אַ נאַש, געווען אין אַ צירק. מיין טאָכטער האָט מיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פענצטער־אויסשטעלונג פון יויזלען און צלמים, געקוקט מיר אין די אויגן צו זען מיין איינדרוק. מיר זענען ביידע געווען דיפּלאָמאַטיש, פאָרזיכטיק. זי־מיט אירע ידיעות פון קירך און איך־וועגן איר מאַמע, מיינע עלטערן און אונדזער לעבן פאַר דער מלחמה. מיר האָבן ביידע אַ סך גערעדט און געזונגען לידער. זי האָט געדענקט עפּיזאָדן פון געטאָ, פון בונקער, באַהאַלטן מיט איר מאַמע; זי האָט אויך געדענקט די שיסעריי אין וואַרשע.

רוטקע האָט דורכגעמאַכט אַ טראַגישע קינדהייט. אָפּגעריסן פון עלטערן, אין שטענדיקן פּחד און צעדרודערונג. אויפן וועג מיטן קינד קיין וואַרשע האָט זי זיך געצלמט ווען די באַן האָט אָנגעהויבן פאָרן. אין אָטוואָצק האָב איך באַקענט די מאַדאַם פלאָראַ קאָנטשוש, וואָס איז אין די חורבן־יאָרן געווען רוטס מאַמע און סאַרקען האָט ס'קינד גערופן טשאָטשאַ סטאַשאַ. סאַרקע האָט געאַרבעט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער ביי אַ רייכער פּוילישער פּריצה צו קענען באַצאָלן פאַרן קינד. פלאָראַ קאָנטשוש האָט מיר דערציילט, אַז רוט האָט זיך צוגעהערט צום געררייד פון די שכנים אין שטוב וועגן יידישע קינדער וואָס ווערן איבערגעלאָזט אין גאַס אויף הפקר פון די "פוילישע מאַמעס". האָט איין מאָל פּאַסירט, אַז זי האָט געראַפט פאָרן אין אַ צווייטער שטאָט מיט רוטקען און ס'איז געווען שווער אין געדראַנג צוקומען צו די טרעפּ פון וואַגאָן. זי האָט דערקלערט רוטקען, אַז זי וועט זי אַריינגעבן דורכן פענצטער און אַליין וועט זי

זיך אַריינשטופּן דורכן טיר. רוטקע האָט אַ נערוועזע געשריגן: "פון מיר וועסטו נישט אַנטלויפן"!

נאָך דעם ווען סאַרקע האָט זיך צום לעצטן מאָל געזעגנט מיטן קינד און מיט דער פּאַני קאַנטשוש, האָט לאַנג נישט גענומען און דאָס קינד איז געוואָרן איבערגעלאָזט ביי אַ דאָרפס־גויע, בלויז אויף אַ ווייל. אָבער די פּאַני איז מער נישט צוריקגעקומען. ס'קינד איז געבראַכט געוואָרן אין דער פּאָליציי. אַ גאַנצע וואָך איז זי געוואָרן געפּאָרשט פון דער געשטאַפּאָ צי זי איז נישט אַ מאָל אַ יידישע. "דו מוזט דאָך זיין אַ יידיש קינד, ביסט צו קלוג, זאָג דעם אמת". און ער האָט איר געדראָט מיט אַ רעוואָלווער. דאָס קינד האָט אַנידער געקניט, זיך געצלמט: איך בין אַ פּוילישע, מיר פּוילישע. קינדער זענען אויך קלוג. דער דייטש האָט אויף זיין ראַווער געבראַכט דאָס קינד אין קלויסטער־קינדערהיים, דאָרט איז זי געבליבן ביז 1945. ליזאַ איז געקומען צו דער מאַדאַם פּלאָראַ קאַנטשוש און שטרענג געפּאָדערט צוזאַמען אויסזוכן אונדזער רוטקען, אָלעשאַ קאַנטשוש. זיי האָבן אויסגעפונען די קינדערהיים אַנגעפּירט פון מאָנאַשקעס. די הויפּט־מוטער האָט אַריינגעבראַכט אָלעשאַ קאַנטשושט (רוטקא) און זיך געוואונדערט: "ס'קומט מיר אויס מאָרנע, דאָס קינד איז ענלעך צו דער ברונעטער פרוי האָט זי געוויזן אויף ליזאַ. איך האָב געוווסט אַז אָלעשאַ איז אַ יידיש קינד און דערפאַר זי נישט געלאָזט באַטייליקן אין דער "הייליקער קאָמיוניאָן". ווי נאָר אַלע דריי האָבן פאַרלאָזט דעם קלויסטער האָט רוטקאַ זיך געוואָנדן צו ליזאַ און געפרעגט ווער פון אונדזער משפחה איז לעבן געבליבן... דעם זעלבן טאָג איז ליזאַ מיט רוטקען אָנגעקומען אין לאָדזש.

אין דעם נאָך־מלחמהדיקן פּוילן האָב איך געוווינט בלויז זעקס חדשים. נישט געקוקט אויף אונדזערע אַנגעווייטיקטע דערפאַרונגען אין דעם אַנטיסעמיטישן פּוילן איז דאָס לאַנד מיר געווען ליב און אייגן. דאָ זענען געווען מיינע יידישע קולטור־וואָרצלען פון חדר ביזן השומר הצעיר; דאָס לאַנד פון פּרץ, אַש און אָפּאַטאָשוס פּוילישע וועלדער. מיר האָבן שטענדיק אַקצענטירט וועגן אַ פּוילן פון מיצקעוויטש, זשעראָמסקי אָזשעשקאָוואַ וכדומה טאָלעראַנטע הומאַניסטן. אָבער פּאָליאַקן האָבן אויך נאָכן חורבן געהרגעט יידן, געשלעפּט פון די באַנען און אַזוי ביזן קעלצער פּאָגראָם.

פרילינג־1946, איך גיי פאַרטרויערט איבער די יידישע לאָדזשער גאַסן צווישן חורבות און רעשטלעך צעצריסענע מויערן; אויפן וועג, ווו כ'פלעג סאַרקען באַגלייטן אין שפּיטאָל, ליגן בערג מיט ברוכוואַרג, טינק און שטיינער. איך שפּרייז אין באַלוט, רומקאָווסקיס געטאָ. ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט אויף יענער זייט ווייסל געוואַרט ביז די דייטשן וועלן דערדריקן דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, האָבן די מערדער נאָך באַוויזן אַרויסצופירן די לעצטע טויזנטער יידן פון לאָדזשער געטאָ קיין אושוויץ. בלויז געציילטע יחידים זענען לעבן געבליבן.

אונדזער שטוב איז אַן אַדרעס פאַר צוריקגעקומענע פריינד. ס'טרעפן זיך ברידער, שוועסטער פון די לאַגערן; צומאָל - אַ מאַן מיט אַ פרוי. דאָס זענען געציילטע נסימדיקע יחידים. מיר לעבן איבער זייער פרייד און געוויין. פון ישראל קומען דעלעגאַטן אָנצופירן מיט דער אומלעגאַלער עליה. אַ גרויסע צאָל האָטן זיך אָנגעשלאָסן מיט זיי, אַנדערע האָבן פּלאַנירט פאָרן צו קרובים; איך קריג אַ לערער־פּראָפּאָזיציע אין אַ יידישער שול אין שלעזיע; איך האַלט זיך אָבער צוריק פון אַלע טעטיקייטן.

ליזאַ האָט זיך געשאַפן אַ שטיקל פּרנסה. אין שטוב איז געבראַכט געוואָרן אַ ריזיקער קאַסטן מיט קנעפּ. איך האָב זיי סאָרטירט און ליזאַ האָט זיי טוצנווייז פאַרקויפט מיט

אַנדערע זאַכן. מיר האָבן זיך מפרנס געווען און אויסגעקליידט.. ווי פאַר דער מלחמה האָבן גויים אויפן מאַרק פאַרקויפט זייערע דאָרפס־פּראָדוקטן. אַ קאַטערינקע האָט געשפּילט, גאַסן־זינגער האָבן פריילעך צוגעזונגען "אוי דאַנאַ מאַיאַ דאַנאַ". דאָס גויישע לעבן האָט זיך איצט געענדערט צום בעסערן... סוואָי דאָ סוועגאָ – אָן יידן. איך האָב דורכגעמאַכט פאַרשידענע קרענק, אַ פאַרקילונג, אַן אָפּעראַציע אָבער שנעל צוריק געזונט געוואָרן.

## 3. מיין היימשטאָט טשענסטאָכאָוו

מיר גרייטן זיך אַוועק צו פאָרן פון פוילן, צוליב דעם דאַרפן מיר אָפּט זיין אין וואַרשע וועגן פּעסער און דורכפאָר־וויזעס. האַלב וואַרשע איז נאָך דעמאָלט געשטאַנען אין חורבות מיט קרומע לעכערדיקע מויערן פון דער מאַרשאַלקאָווסקע ביז פּראַגע. פאַרן קריג האָב איך געוווינט פיר חדשים אין וואַרשע אויף דער ניזקע־גאַס. איך געדענק די יידישע וואַרשע. די פראַנטשישקאַנער, נאַלעווקי, דלוגע, מילע קאַרמעליצקע, קראָכמאַלנע... איצט גייען מיר אויף חורבותדיקע הייליקע בערג לעבן געבליבענע קדשים מיט צעבראָכענע הערצער. וואַרשע – עטרת ראשנו. איך הער ווי איינער רופט מיין נאָמען, כ'האָב אים קוים דערקענט, אַ בעזשעניעץ פון דער מינסקער תפיסה. דאָרט האָבן מיר אַלע געטראָגן בערד. אויך דאָ, אין וואַרשע, איז געווען אַ קאָמיטעט פאַר זוכענישן און הילף פאַר פּליטים. גויים וווּנדערן זיך, שרעקן זיך: אַזויפיל צוריקגעקומענע יידן... פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען.... וואָס ווילן זיי דאָ? מיר האָבן שוין דעמאָלט געזונגען "ווייל קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה, ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט, מיר זענען דאָ"!

***

מיר זענען געפאָרן קיין טשענסטאָכאָוו צו אונדזער לעבן־געבליבענער פּלימעניצע רעניאַ. זי איז דעמאָלט קראַנק געווען. דערזעענדיק מיך איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און מיך אַרומגענומען. דעם זעלבן טאָג האָט זי מיר געקויפט אַ האַרמאָניקאַ. אין הויז אויף דער גאַריבאַלדי־גאַס האָבן געוווינט די שארית הפליטה, וואָס יעקב פּאַט האָט דערמאָנט אין זיין בוך. מיטן חרוב־געוואָרענעם געטאָ האָט די שטאָט מיר אויסגעזען איינגעשרומפּן און קלענער. פון דער גאַריבאַלדי־גאַס דאָג וואַרשעווער האָט זיך אַנטפּלעקט דער טייך "וואַרטאַ", וואָס איז פּרירער געלעגן הינטער פינף גאַסן מיט הייזער.

אין דער ערשטער גרויסער אַקציע פון 1942 זענען נייַנציק פּראָצענט טשענסטאָכאָווער יידן אוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע. צען פּראָצענט זענען דערווייל איבערגעבליבן און יחידים האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין בונקערס. אין אַ שטוב־קעלער האָבן זיך פאַרטאַיעט פיר פרויען מיט אַ קינד. צווישן זיי זענען געווען ליזאַ, איר ייִנגסטע שוועסטער פּערעלע און די בורזינאָווער רביצן. אין אָוונט זענען זיי אַראויס פון בונקער, די אַלטע רביצן האָט זיך געלייגט אין בעט און געוואַרט אויפן טויט. די איבעריקע זענען אַוועק הינטער דער שטאָט אויף גאָטס באַראָט. ליזאַ האָט געזוכט הילף ביי פּוילישע באַקאַנטע שכנים, אָבער קיינער האָט זי נישט אַריינגעלאָזט. ביים טויער האָט אַן עלטערע פרוי איר געעפנט די טיר, געגעבן ברויט און וואַסער, אַנידער געקניט פאַר איר און געבעטן זי זאָל מצליח זיין. ליזאַ האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דאָרף, געהאַט געפערלעכע מכשולים. אַ יונגער שגץ האָט איר

געהייסן ווייזן איר אידענטיפיקאַציע. זי האָט נישט געהאַט קיין דאָקומענט און געזאָגט, אַז זי קען זיינע עלטערן. "אויב אַזוי האָסטו מזל, איך האָב געדאַרפט צושטעלן צו דער געשטאַפּאָ צען יידן." און דער זעכצן יאָריקער שגץ האָט אַנטפּלעקט אַ סוד, אַז זיין באָבע איז געווען אַ יידישע משומדת... ביזן אָוונט האָט ליזע זיך געבלאָנקעט אויפן וועג, פּלוצעם דערשיינט אַ יונגער פויער פאַרן אַריינגעאַנג פון פּאָדוואָר און ווייזט איר מיט דער האַנט אַריינצוגיין אין זיין הויף, אַרויפגיין אויף אַ לייטער צום בוידעם. אויבן האָט זי געפונען איר שוועסטער און די פרוי מיטן קינד, צוויי ברידער, קריסטלעכע צדיקים, האָבן זיי געראַטעוועט, אויסבאַהאַלטן ביז די סכנה איז "דערוויייל" פאַרביי.

אין די ערשטע אַקציעס און סעלעקציעס איז מיין גאַנצע משפחה אומגעקומען: עלטערן, קינדער און אייניקלעך. אין אייגעשרומפּענעם קליינעם געטאָ זענען געבליבן די רעשט: אַרבעטער, יידישע פּאָליציאַנטן, אַ צאָל יודענראַטלער, פּראָפעסיאָנאַלן און אַפילו אויסבאַהאַלטענע קינדער. אין 1943 האָבן די דייטשן ווידער דורכגעפירט אַקציעס איבער קינדער און אינטעליגענץ. ס'איז געקומען צו אַ ווידערשטאַנד. אַלס נקמה ווערן אויפגעריסן די לעצטע הייזער אין קליינעם געטאָ. געבליבן זענען די אַרבעטס־שקלאַפן אין האַסאַג. ליזאַ איז געווען צווישן זיי.

***

איך בלאָנקע זיך אַרום צווישן די אַשיקע געטאָ־חורבות, אויפן מאַרטירער־פּלאַץ וווּ אין פּאַרטיזאַנער האָט זיך געוואָרפן אויפן ס"ס־מאַן בעת אַ סעלעקציע; יעדער צענטער מאַן איז געוואָרן געשאָסן. אָט איז דער מעבל־לאַגער, ווו מיין חבר מאַכל בירנצווייג. האָט אויסבאַהאַלטן צוויי הונדערט מענטשן, צווישן זיי קליינע קינדער. דאָרט איז געווען דער צעל פון די פּאַרטיזאַנער. אויף דער קאַווע־גאַס געפינט זיך דער מאַסן־קבר פון צוויי טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן סעלעקטירט.

כ'גיי פאַרביי דאָס הויז פון מיינע עלטערן. פּאָליאַקן קוקן אויף אונדז מיט חשד. זיי וווינען איצט אין אונדזערע שטובן. איך וויל בלויז אַריינקוקן איז פענצטער, זוכן די שפּורן פון מיין מאַמעס טרערן, מיין טאַטנס פאַרצווייפלט, געראַנגל קעגן אומגליק. מיינע ליבע טייערע עלטערן, און די, פרומעטל, איציק הערש, וואָוועק, מיינע יונגע שוועגערינס, ליכטיקע קינדער; ווער וועט באַצאָלן פאַר זייערע ליידן, ווער וועט נקמה נעמען פאַר די טשענסטאָכאָווער קדושים....

מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען געציילטע איבערגעבליבענע פריינט, זיך געטיילט מיט די שווערע איבערלעבונגען, אונדזערע גלותן, לאַגערן געראַנגל פאַר לעבן און ווייטערע פּלענער. ס'פאַרשפּרייטן זיך ידיעות, אַז אין קעלץ קומט פאָר אַ פּאָגראָם. טשענסטאָכאָוו האָט אַ טראַדיציע פון שנאת ישראל. די גאַסן זענען אָנגעלאָדן מיט סכנה. אויף מויערן זענען צוגעקלעפּט פּלאַקאַטן קעגן בלוט־בלבולים און כוליגאַניזם־אונטערגעשריבן פון ביסקופּ... מיר האָבן זיך געזעגנט מיט טשענסטאָכאָוו, מיין געבוירנשטאָט ביזן פיפטן דור. און כאָטש ס'איז געפערלעך צו פאָרן מיט דער באַן, זענען מיר דעם צווייטן טאָג צוריק געקומען אין לאָדזש.

באַנאַנד מיט אונדזערע פריינד פון וואַרשע, די משפחה מאָנק, האָבן מיר זיך געגרייט פאַרלאָזן פּוילן, איך האָב זיך אין לאָדזש באַקענט אויך מיט לייזער ראַן, דעם שרייבער און פאַראייביקער פון ירושלים דליטע, און זיין פרוי. אונדזערע וועגן און אומוועגן פירן איצט אַוועק פון די פּוילישע גרעניצן דורך פּראַג, די שטאָט פון מהר"ל, שטוטגאַרד, פּאַריז. פון פראַנקרייך – מיט דער "איל דע פראַנס" קיין ניו־יאָרק, מיאַמי ביז האַוואַנאַ –

קובאַ. דער נאָכן־חורבן אָריסיי וועט אונדז צוריק ברענגען קיין אַמעריקע, אונדזער ניי היימלאַנד.

## 4. אין פּאַריז

ערב ראש השנה זענען מיר אָנגעקומען אין פּאַריז צו קרובים אויף דער מאָנעיז־גאַס און זיך איינגעאָרדנט אין אַ האָטעל. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן לערנען אַ ביסל פראַנצויזיש און גענומען אויסגעפינען אַדרעסן פון פריינד. מיין נאָענטער חבר יאַכור פון טשענסטאָכאָוו האָט אונדז אָפּט פאַרבעטן צו זיך אין זיין גרויסער וווינונג. יאַכור און זיין פרוי און קינדער זענען מיט אונדז געוואָרן איין משפּחה. ער איז געווען גוט סיטואירט און מיר האָבן וווּנדערלעך פאַרבראַכט. דורך אים האָב איך אָפּגעפונען פריינט פון ראַנציק און פון טשענסטאָכאָוו וואָס זענען געקומען אַהער שטודירן פאַרן קריג. אַ צאָל חברים זענען געווען אין דער רעזיסטאַנץ און אומגעקומען אין דראַנסי־לאַגער, אין אוישוויץ און אין די קאַמפן, צווישן זיי דער פּאָעט צענדאָרף און מיינע פריינד היימאַן און וואַלמאַן. יאַכור אין זיין משפּחה האָט מיט פיל אַנדערע יידן איבערגעלעבט די מלחמה־צייט אין אַ גרויס דאָרף צווישן הוגענאָטן, זיי האָבן געאַרבעט, זיך מפרנס געווען, געהאַט קינדער און אַפילו געמאַכט בריתן. אין פראַנקרייך האָבן זיך דאָך געראַטעוועט יידן. מיט דער יאַכור־משפּחה האָבן מיר פאַרבראַכט אויפן אייפל־טורעם, באַזוכט דעם נאָטרדאַם, מוזעומס, אויסשטעלונגען און אָפט שפּאַצירט אויף שאַנס עליזיי, מאָנפאַרנאַס, מאָנמאַרט, לאַ רוש - די גאַסן פון גרויסע קינסטלער. דערמאָנענדיק זיך וויקטאָר הוגאָס ליד וועגן דער קאָמונאַרן־וואַנט אויפן צווינטער "פּער לאַ שעז" האָב איך מיט ליזען באַזוכט דעם באַרימטן היסטאָרישן בית עולם, די קברים פון שאָפּען, אָפּענבאַך, אָסקאַר ווײַלד, היינריך היינע און אַנדערע פערזענלעכקייטן, און די טרויעריק־באַרימטע וואַנט, וווּ הונדערטער קאָמונאַרן זענען געשאָסן געוואָרן אין 1871 נאָכן דורכפאַל פון דער פּאַריזער קאָמונע..

מיר האָבן געשפּרייזט איבער אייביקייטן.. אין פּאַנטעאָן האָט פראַנקרייך פאַראייביקט יענע גרויסע זין פון פאָטערלאַנד, רעוואָלוציאָנערן און שרייבער: מאַראַט, וויקטאָר הוגאָ, עמיל זאָלאַ, זשאָרעס א.א. איך געדענק אויך דעם מוזיי פאַר נאַפּאָלעאָן, דעם מאָנומענט פאַרן אַליין־געקרוינטן אימפּעראַטאָר; דעם קבר אַרומגערינגלט מיט די טרומנעס פון זיינע ברידער אָרער קרובים.

פּאַריז - די שטאָט פון איבער טויזנט יאָר געשיכטע מיט דעם איבערבלייב פון דער צעשטערטער באַסטיליע; פּאַריז - די היימשטאָט פון קינסטלערס און דיכטער. מיר האָבן אָפּט באַזוכט דעם לוווּר צו זען די קונסט־ווערק פון דורות, דעם צאַרטן שמייכל פון מאָנאַ ליזאַ. פּאַריז האָט אויך איבערגעלאָזט טראַגישע שפּורן אין אונדזער יידישער היסטאָריע. די בלבולים און פאַרברענען דעם תלמוד אין מיטלעלטער, דעם גרוש צרפת ביזן דרייפוס־פּראָצעס. אַ יאָר נאָכן זיג איבער היטלערן האָב איך געזען אויפשריפטן אויף די ווענט מיט גיפטיקן האַס קעגן יידן.

וואַרטנדיק אויף שיפסקאַרטן האָבן מיינע קרובים פון פּאַריז געלערנט די "גרינע" פון פוילן ווי זיך צו פירן דאָס אין פּאַריז: ראשית כל זאָלן מיר נישט זאָגן, אַז מיר קומען פון פוילן, ווייל די פּוילישע זענען אַלע גנבים, און צווייטנס, איך זאָל גיין אויפן "פּלעצל" זען ווי מ׳קען מאַכן אַ פּאָר גראַצער. איך האָב זייערע ביידע עצות נישט געפאָלגט, נישט געקומען צו זיי, האָבן זיי טעלעפאָניש צווויסן געטאָן מיין ניו־יאָרקער

ברודער און שוועגערין וועגן די "גרינע", וואָס ווייסן נישט ווי מען פירט זיך אין פּאַריז.

דער פּאַריזער קרוב האָט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אַ מאַכער וואָס זאָל אונדז פאַרשנעלערן דאָס קריגן די שיפסקאַרטן פאַר אַ לוין פון הונדערט טולער, דער מאַכער האָט צוגענומען ס'געלט און געהייסן די גרינע וואַרטן. סע זענען אַוועק אַכט וואָכן - אין קול ואין עונה. מיר האָבן זיך דערוווּסט דעם אַדרעס פון דער שיפס־קאָמפּאַני "איל דע פראַנס" און אָן שוועריקייטן געקויפט דריי שיפסקאַרטן. דערנאָך זענען מיר אַרויפגעגאַנגען אין האָטעל צום "מאַכער" און געפרעגט וואָס ער האָט דערליידיקט. ווערט יענער אין כעס, ציילט מיר אָפּ הונדערט דאָלער און וויל מיט קיין גרינע נישט האָבן קיין ביזנעס... אונדזער קרוב האָט ממש נישט געקענט גלויבן, אַז דער מאַכער האָט צוריקגעגעבן דאָס געלט.

פאַרן אַוועקפאָרן פון פּאַריז האָבן מיך פריינד מיטגענומען אין קולטור־קלוב, ווו כ'האָב געטראָפן אַ חברטע פון דאַנציק. ביי אַ טיש איז דאָרט געזעסן משה שולשטיין, דער פּאָעט, ער איז געווען פון מיינע באַליבטסטע ריכטער, אים געקענט פערזענלעך און געלייענט זיינע איצטיקע נאָך־מלחמהדיקע לידער אין אַ זשורנאַל, וואָס האָבן מיך ווי אַ מאָל באַאיינדרוקט מיט זייער לירישקייט. אָבער איך האָב געזאָגט מיין חברטע, אַז איך וויל דאָס מאָלאויסמיידן זיך מיט אים צו באַגעגענען. נאָכן אומברענג פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום און זיג פון די אַלירטע אַרמייען איבער דייטשלאַנד, איז די סימפּאַטיע צו רוסלאַנד נאָך מער געשטיגן. מיר האָט זיך נישט געוואָלט אַרגומענטירן.

איך האָב זיך מיט שולשטיינען באַקענט אויף אַ פּריוואַטער מסיבה ביי אַ חבר אין לאָדזש, פאַר דער מלחמה.. מיר האָבן דעם פריינד גערופן איגנאַש. אויף דער מסיבה האָבן מיר געלייענט לידער, געשפּילט אויף אַ האַרמאָניקאַ, אַ זינגער האָט געזונגען א.א. וו. איך האָב דעם אָוונט נישט פאַרגעסן. אָבער איך בין געווען זעקס יאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד און געזען דעם חלום אַ צעבלויטיקטן. יאָרן שפּעטער איז שולשטיין אַליין געווען פון די אַנטוישטע. אויף אַ טור אין שוועדן האָט זיך דער פּאָעט באַגעגנט מיט אונדזער פריינד איגנאַש און זיך געפרעגט וועגן מיר, דעם חבר מיט דער האַרמאָשקע - פון לאָדזש. שולשטיין איז פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט.

## 5. ניו־יאָרק - האַוואַנאַ

אָנהייב דעצעמבער זענען מיר אַרויף אויף דער שיף איל־דע־פראַנס. ליזאַ און רות אין ערשט קלאַס, איך־גאַנץ אויבן האָב זיך מיט דער שיף געהוידעט אויף די צווילדעוועטע כוואַליעס פון אַטלאַנטיק און קראַנק געווען אַ האַלבע נסיעה. אויפן שיף איז אויך געווען לייזער ראַן און זיין פרוי אין געווימל פון פּליטים־עמיגראַנטן, וואָס האָבן אַ גאַנצן וועג זיך געטיילט מיט זייערע חורבן איבערלעבונגען און פּלענער. פרומע יידן האָבן געדאַוונט, געזאָגט תהילים. געווען אויך נישט־יידן, אַמעריקאַנער, פראַנצויזן און אַנדערע, איינער קומט צו צו מיר און פרעגט מיך שטיל צי כ'בין אַן אַראַבער... יעדער האָט געזוכט אייגענע... נאָך צען טעג זענען מיר אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, ווו ס'האָט אונדז באַגריסט די ריזיקע פרוי מיט דער לאָמפּ, די פרייהייט־סטאַטוע. נאָך אַ פּאָר שעה האָבן מיר זיך אַרומגענומען מיט דעם ברודער, שוועגערין און קינדער, וואָס האָבן אונדז אָפּגעוואַרט, די רעשטלעך פון אַ גרויסער משפחה. דורך די אַכט יאָר האָט מיין ברודער מיט דער שוועגערין זיך אַרויף געאַרבעט ווי רייכע פאַבריקאַנטן, די טעכטער האָבן געענדיקט קאַלעדזש, חתונה געהאַט און דער זון האָט אָנגעהויבן הייסקול און געענדיקט

אַ שלום עליכם שול. דער איידעם, הרב לייב קאַגאַן האָט אונדז אַרומגעפירט, געוויזן ניו־יאָרק די איסט־סייד, דאָס "פאָרווערטס"־הויז, די עמפּייר סטייט־געביידע. ער האָט פאַר אונדז געקויפט האַרקאַוויס בוך צו לערנען ענגליש. באַלד האָבן מיר אַליין געוואַנדרעוועט מיט באָסעס און סאָבווייַ, געגאַנגען אין טעאַטער, מוזעומס, אין ביבליאָטעק אויף דער 42 טער גאַס. איך האָב באַזוכט דעם אַרבעטער־רינג און זיך באַפריינדט מיט רפאל פעדערמאַן. ער איז געווען דאָס האַרץ פון זיינע בני עיר. ביז 1939 – אַ פירער פון בונד אין טשענסטאָכאָוו, איז ער דאָ געוואָרן אַן אַדרעס פאַר יעדן לעבן־געבליבענעם פון אונדזער שטאָט, אַפילו מיט פרומע אין מיט זיינע אַמאָליקע קעגנער. אין אַרב. רינג האָט ער אָנגעפירט מיטן ביכער־פאַרלאַג. ער האָט מיר געגעבן מאַטעריאַל זיך צו באַקענען מיט אונדזער שול־סיסטעם, קוריקולום, און לערן־ביכלעך. איך האָב זיך באַקענט מיט יידישע שרייבערס און לערערס. ראַביי קאָגאַן איז מיט מיר און ליזען אַוועק צום סיטי־האָל מאַכן פאַר אונדז לעגאַלע חתונה־פּאַפּירן איידער מיר גרייטן זיך פאָרן קיין קובא.

מיין ברודער און שוועגערין האָבן אין זייער שיינער היים געמאַכט אַ ניי־יאָר מסיבה פאַר קרובים און פריינד, מיר האָבן פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט, זיך געזעגנט און געווינטשן זיך צו זען בקרוב. סוף יאַנואַר 1947 זענען מיר געפאָרן קיין מיאַמי, די שוועגערין איז געבליבן אין אַ האָטעל און דער ברודער האָט זיך מיטגעכאַפּט מיט אונדז אויף אַ רזשעט קיין קובאַ, די ערשטע נאַכט זענען מיר געשלאָפן אין דער פּלאַזאַ־האָטעל, אין האַוואַנאַ אין קובאַ האָבן מיר געווינט צייטווייליק, וואַרטנדיק אויף אַ וויזע צו קענען זיך באַזעצן ווי תושבים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די האַוואַנער קהילה האָט זיך וואַרעם באַצויגן צו די פּליטים, וואָס האָבן כמעט אַלע געוואַרט אויפן אַריינקום אין גאָלדענעם לאַנד. מיר האָבן געווינט אין ווערדאַדאָ ביים ברעג פון אַטלאַנטיק. יעדער נייער קלימאַט האָט געווירקט אויפן געזונט ביז מיר האָבן זיך איינגעווינט. די האַוואַנער קהילה מיט די פאָרשטייער פון רזשאָינט האָבן צוגעגרייט פאַר אונדז אַ שיינעם סדר לויט דער טראַדיציע און אויך אין גייסט פון אונדזער צייט. די יידישע שפּראַך און קולטור האָט דעמאָלט דאָמינירט אין האַוואַנאַ.

רוטקאַ האָט אין ווערדאַדאָ געלערנט אין אַ קובאַנער שולע, זיך געשפּילט און זיך געקריגט מיט די אָרטיקע קינדער אויף שפּאַניש ליזאַ האָט זיך געלערנט און ליב געקראָגן די שפּאַנישע שפּראַך, און איך האָב זיך געלערנט ענגליש. מיר האָבן געווינט מיט אונדזערע פריינד, די מאָנק־משפּחה אין איין הויז, מיט זיי האָבן מיר געוואַנדערט פון מאַגניטאָגאָרסק ביז קובאַ. מיר האָבן זיך אָפט באַגעגנט מיט די ראַנס און מיט טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט. אַ סך נייע פריינד, נייע דערפאַרונגען, נייע פּלענער און פאַרמעסטן. אין דער זוניקער האַוואַנאַ האָבן בימי באַטיסטאַ געלעבט איבער צען טויזנט יידן. געווען עטלעכע יידישע מיליאָנערן און אַ מורייאַ גאַס מיט יידישע געשעפטן. מיך האָט אָבער אינטערעסירט די יידישע שול ביים קובאַנישן "צענטראָ איזראַעליטאַ". אַ טאָג־שול פון זעקס הונדערט קינדער וואָס האָבן געלערנט שפּאַנישע און יידישע לימודים אויף אַ הויכן ניוואָ. איך בין אין מיטן לערן־יאָרן געוואָרן אָנגעשטעלט ווי אַ צייטווייליקער פאַרטרעטער פון דירעקטאָר עליאָוויטש אָדער פון לערערס, וואָס האָבן נישט געקענט קומען אין קלאַס. איך האָב אויך צוגעגרייט די פאָרמאַציע – דעפילאַדעס מיט געזאַנג פון יעדן קלאַס, צום גראַדואיר – יום־טוב. דעם לימוד האָבן די תלמידים ליב געהאַט מחמת דאָס לערנען איז פאָרגעקומען אויפן דאַך פון דער געביידע.

די קינדער האָבן אַ סך דערגרייכט און געוערדט אַ געשמאַקן יידיש. יידן האָבן זיך איינגעלעבט אויף דעם שיינעם אינזל עקאָנאָמיש און קולטורעל. געווען אויך אַ העברעישע יבנה־שול, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און אַ גרופּע שרייבער און פּאָעטן וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דאָרטיקן "האַוואַנער לעבן" (מיט דער קאַסטראָ־רעוואָלוציע האָט זיך געענדיקט דער יידישער יישוב אין קובאַ) נאָך זעקס חדשים בין איך אין יולי 1947 געקומען אין ניו־יאָרק און צום נייעם שול־יאָר איבערגענומען די שול נומ. 17 פון שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט. מיט יאָרן שפּעטער, ווען כ'האָב געאַרבעט אין זומער־קעמפּ בויבעריק ווי דער דירעקטאָר פון קונסט און האַנט־מלאכה, האָב איך באַגעגנט אליהו עליאָוויטש און מיט נאָסטאַלגיע דערמאָנט אונדזער פאַרברענגען אין קובאַ..

## 6. געזאַנג פון אַ נייעם אָנהייב

ווי אַ קינד געדענק איך וואָס מיינע עלטערן פלעגן זאָגן בעת אַן אומגליק: "ס'איז באַשערט אונדז אָפּקומען מיט שרעק". נישט געקוקט אויף די דערפאַרונגען אין היטלער־דאַנציק האָבן זיי געגלויבט אַז ס'איז אפשר בלויז אַ שרעק־אָפּקומעניש און דאָך האָט מיין טאַטע אויפן שוועל פון בלוטיקן מבול געשיקט דורך לאַנדאָן קיין ניו־יאָרק צו מיין ברודער אַ היפּשע סומע געלט ער זאָל עס פאַרזיכערן מחמת ס'ע שיקעוועט זיך אַ מלחמה און יידישער גורל אין פּוילן, איז אין סכנה. אָבער קיינער פון אונדזער משפּחה האָט די סכנה נישט אויסגעמיטן. בלויז מיך האָט דער גורל פאַרוואָלגערט אין רוסלאַנד און איצט בין איך מיט מיין קינד און ליזאַ געקומען זיך פאַראייניקן מיט דער משפּחה פון מיין ברודער אין ברוקלין. איך האָב געוווינט די ערשטע יאָרן אין דער וווינונג פון מיין ברודערס פאַבריק־הויז אין קאָכיקן בראַנזוויל, ווו ס'האָט נאָך פולסירט אַ פאַרבן־רייך יידיש לעבן. נאָך אַלע מיינע אָדיסייען האָב איך איצט שווער איבערגעלעבט דעם איבערגאַנג און די חבלי לידה פון אַ נייעם בראשית. און ווי אַ סך פון די לעבן־געבליבענע פליטים האָב איך זיך געשטעלט אויף די פיס, פּראָבירט פאָרמירן מיין לעבן לויט אייגענע ווונטשן און מעגלעכקייטן. אין איסט ניו־יאָרק עוועניו צווישן ראַלף און פּיטקין איז געבוירן געוואָרן מיין זון מאַרק: מיין טאָכטער רות האָט געענדיקט די פּאַבליק סקול, הייסקול און די שלום־עליכם שול נומ. 19, ווו דער פּאָעט ישראל גויכבערג איז געווען איר לערער; זי האָט אויך געענדיקט די מיטלשול און איך האָב ביז היינט אויפגעהיט אירע פרעמירטע יידישע קאָמפּאָזיציעס וועגן שלום אַש און זכרונות פון פּוילן בימי החורבן.

מיין ליכטיקע יוגנט איז איבערגעריסן געוואָרן אין 1939 אין פּוילן. אין ניו־יאָרק האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל פון אונדזער לאַנג־דויערנדיקער אַקטיווקייט אין די שולן, זומער־קעמפּס און ליטעראַטור; די אַנטוויקלונג פון מיינע צוויי קינדער - אַ געזאַנג פון מי, זאָרג, יום טובדיקייט, געראַנגל און אַ ביסל . דערגרייכונגען "השיר לא תם הוא רק מתחיל"..

אויך אין דער מגילת אַמעריקע האָבן מיך כסדר באַגלייט די נשמות פון מיינע אומגעקומענע משפּחות אין פּוילן.

לאה שלאָסמאַן / פלאָרידע

# איך זע אים אומעטום

באַגעגנט אין אוניווערסיטעט, אין דער שטאָט
וואָס טוליעט זיך צווישן הויכע בערג. קיין מאָל
האָט ער נישט געזען אַזעלכע בערג,
פאַרכישופט צו זיי געלאָפן
יעדע פרייע שעה, געקלעטערט
אַלע מאָל העכער, העכער.

נאָכגעזונגען די פייגל, איינגעאָטעמט
דעם פרישן ווינט, זיך געפילט שטאַרק
ווי די ביימער וואָס האַלטן זיך אָן
מיט טיפע וואָרצלען, שטאַרק
ווי פעלדזן וואָס שפאַרן זיך צו
צו דער באַליבטער ערד.

***

אין אַ זוניקן פרימאָרגן
נאָך אַ נאַכטיקן רעגן,
האָט זיך די ווייכע ערד אַרויסגעגליטשט
פון אונטער זיינע שטיוול,
אים געלאָזט פאַלן, פאַלן...

היינט איז פריצייטיק וואַרעם.
איבער די ברייטע לאָנקעס פון קאַמפּוס
שפּאַצירן סטודענטן. זיי זיצן, ליגן אויפן גראָז,
זאַפּן זיך איין מיט דער זון
ווי ברוינע און בלאָנדע בלומען.

נאָר מיין חבר פעלט.
אָבער ניין, כ'זע אים, אומעטום זע איך אים —
דאָ זיצט ער, דאָ גייט ער,
דאָרט שטייט ער אונטער אַ בוים
וואָס וואַרט, בענקט נאָך בלעטלעך
ווי איך האָב געוואַרט, געבענקט נאָך אים.
און אָט הייבט ער אָן צוקומען צו מיר
מיט זיין ליכטן טריט, מיט זיין ליכטיקן שמייכל...

עקיבא פישבין / פּאַריז

# דער קינסטלער דוד מאַלקין

דוד מאַלקין איז הײַנט צו טאָג אַ שם דבר אין דער אַבסטראַקטער קונסט. זײַנע שאַפונגען אינטערעסירן קונסט־ליבהאָבער און קאָלעקציאָנערן. די לעצטער אויסשטעלונג זײַנע פון מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און אַ פאַרדינטן אָפּקלאַנג אין דער פראַפעסיאָנעלער פרעסע.

שטעלט זיך די פראַגע – ווו שטעקט דוד מאַלקינס הצלחה?

מאַלקין איז אַ דיסקרעטער מענטש, ער גייט זײַן וועג מיט שטילע טריט. ווי ווײַט מיר איז באַקאַנט, איז זײַן נשמה אַ שפּאָר ביסל צעראַצט. ער הערט נישט אויף צו שטעלן די פראַגע, ווי די דיכטערן, רבקה באַסמאַן, האָט זי געשטעלט, ווען געטאָ ווילנע האָט געברענט פון ליידן; אָט די גרויזאַמע שאלה:

„וואָס טוסטו, אַז די גרויסע טרער
פאַרפלייצט דאָס האַרץ?

\- - - - - - - -

ווי רופט זיך אַ פאַרטרערט געוויין
אָן טרערן?"

איר פאַרשטייט דאָך שוין במילא, אַז דוד מאַלקין איז אַ ייד פון שואה־דור. ובכן, הילכט אויס אין זײַן קונסט דער רעזאָנאַנס פון „אַ פאַרטרערט געוויין אָן טרערן", ס'קלאָנגט דער יידישער חורבן, דער אומברענג פון זײַן יידישער סביבה; זײַן פאַרגוואַלדיקטע היים טוט יאָמערן פון ווײ; זײַן בלינדער נע־ונד שרייט ממעמקים – געוואַלד!!!

מאַלקינס קאָליריקע פאַנטאַסמאַגאָריעס זענען ווי אַ מין מיקראָקאָסמאָס – אַ לאַבאָראַטאָריע פון זײַנע פײַנלעכע חלומות ! דאָס איז אַ ליריש־וואָריקע אַרכעאָלאָגיע פון זײַן זכרון. די עמאָציאָנעלע קראַפט פון מאַלקינס לירע שטעקט אין די

„ווערטער קאָליריק און בונטע,
ווי באַלזאַם אויף אונדזערע ווונדן."

אין דעם

„אומעט וואָס שפּילט אויף אַ פידל
אין אַ וועלט מיט נשמות פון יידן."

(רבקה באַסמאַן)

הכלל, דאָ דאַרף מען זוכן דעם יסוד פון אונדזער קינסטלערס הצלחה. אייגנטלעך – ווען דער פּאָעט דוד האָפשטיין זינגט האָפערדיק: „מיר זענען פון פעלזן" – איז דאָס טאַקע אמת ויציב! – אָבער אין פעלזן טוען זיך אויך אַרײַנכאַפּן שפּאַלטן... דער חילול הכבוד פון ייד האָט דעם קינסטלער מאַלקין חרוב ומוחרב געמאַכט! די שפּאַלטן פון זײַן נשמה געפינט איר אָפּ אויפן פנים פון זײַן קונסט. פאַראַן פלאַסטיקער, טוען זיי די נשמה־ריסן היילן דורך טעראַפּיע פון קינסטלעריש־אַבסטראַקטן לשון. דאָ איז דער קינסטלער פרייער אין אויסדרוק און דער זשעסט פון זײַן האַנט טוט לייכטער וואַרפן פונקען פון זײַן אינערלעכן אוניווערס. דער הימל פון דער נשמה זײַנער לאָזט זיך אַראָפּ מיט פלאַקער און פייער אויף זײַן שאַפונג. באַוווּסטזיניק, צי אומבאַוווּסטזיניק, פורעמט דער קינסטלער פיקטוראַלע סכעמעס, פאַרביקע אַסאָציאַציעס, פאַרשידענע

קאָמבינאַציעס וואָס פֿאַרפּלאָנטערן זיך אָן אַ סדר אין זיין געמיט. אָפט מאָל גיט ער אַ שפּרונג צו פֿאָרמען איינגעקריצטע אין קאָפּ זייט יאָרן.

מיט רמזים, מיט פֿאַרבן און ליניעס – דיסקרעט און שטיל גליט אויס דוד מאַלקין זיינע אַבסטראַקטע בילדער אין קליינעם פֿאָרמאַט. זייט יאָרן איז מאַלקין פֿאַרקנסט צו דעם ראָזיקן וועג. זייט יאָרן ברענגט ער די שירה פֿון פֿאַרבּיקע טענער אויסגעטועטע פֿון גשמיותדיקן וואָרט און פֿיגוראַציע. זיינע עמאָציאָנעלע שפּירונגען ברענגט ער אַרויס מיט פֿאַרבקלאַנג. ער האַלט, אַז אַ וואָרט פֿאַרגייט; דער פֿאַרביקער אַקאָרד אָבער קריצט טיף אין די נשמהדיקע קעמערלעך פֿון זכרון.

דאָס איז מאַלקינס פּלאַסטישער דיבור זייט צענדליקער יאָרן. ער זוכט אין דער מאָלעריי, לפּי דער מימרא פֿון י.ל. פּרץ וועגן ליטעראַטור, נישט דאָס אַש נאָר דאָס פֿייער! מאַלקינס מאָלערישער באַנעם איז, גרייכן דורך פֿייער פֿון מיסטישער טהרה, צו די עולמות עליונים, צו חסידישער דביקות – אַ ירושה ביי אים פֿון זיין טאַטנס חסידישער היים. אין חסידות האָט זיך זיין גליקלעכע קינדהייט געטובלט און עד היום טונקט ער אין דער ראָזיקער אַטמאָספֿער.

איך דערמאָן זיך מאַלקינס בילדער פֿון זיין אַמאָליקן פּעריאָד, דעם פֿיגוראַטיוון. מיר פּלאָנטערט זיך אין זכרון אַ לייוונט, אַזוי ווי אַ מעלאָדיע וואָס פֿאַרפֿאָלגט און לאָזט בשום אופֿן נישט אָפּ. איך דערמאָן זיך די באַשטריימלטע חסידים אין שרפֿהדיקן פֿלאַם געלייטערט; איך דערמאָן זיך די אויסגעצויגענע נפֿשות זייערע; – דורך פֿייערברען זענען זיי עולה צו דער בלויאיקער טהרה...

דעמאָלט שוין האָט אין קינסטלערס פֿיגוראַטיווער וויזיע זיך געפּלאָנטערט דער מיסטישער אויפֿפֿלאַם פֿון נצח נצחים! דעם ניגון, דעם ראָזיקן, געפֿינט איר אָפּ אין אַ סימפֿאָנישער פֿאַרביקייט אין די אַבסטראַקטע קאָמפּאָזיציעס פֿון זייט יאָרן. רמזנדיק, בלויז אָנגעוואָרפֿן, קוים שקיצירט, שטייגן אין אַ פֿילפֿאַרביקער הליכה זיינע פֿאָרמען, עלעהיי נשמות געלייטערטע העכער און העכער, אויב נישט נאָך העכער.

פֿאַראַן ביי מאַלקינען שאַפֿונגען, ברענגט אייך די פֿאַרביקייט זייערע אַ חדוהדיקע שטימונג. ער איז דאָך אַ קאָלאָריסט פֿון אַ מדרגה! די אָנגענעמע שטימונג האַלט אָבער לאַנג נישט אָן... ווען דאָס אויג האָט זיך שוין אָנגעזעטיקט מיטן פֿאַרביקן שאַרם, טוט איר זיך אַרומקוקן, אַז עפּעס קוקט איר אויף אַ שטאָטישן פּייזאַזש וואָס שטייט אויפֿן קאָפּ... דער קאָליריקער אַבסטראַקטער דיבור פֿון דוד מאַלקין איז, לפּי דעתי, ווייט פֿון פֿריילעכקייט; דאָס איז נייערט אַ קול דממה דקה פֿון טרויער.

איך דערמאָן זיך זיינס אַ בילדל – טונקעלע, רונדיק געפֿורעמטע קאָלירן, קאָמפּאָנירט אויף אַ שטייגער, ווי "אַ שנירל לבנה־פּערל אויפֿן האַלדז אייך אָנגעטאָן" (יעקב פֿרידמאַן). איז אָבער פֿאַרוויקלט אין דער שאַפֿונג אַ קוים אָנגעוואָרפֿן מענטשלעך געזיכט און די אויגן ראָרט שרייען – געוואַלד!!! געוואַלד, פֿאַרוואָס איז אויף אונדז געקומען אַזאַ וויסטער חורבן – פֿאַרוואָס?

אָפֿט, זייער אָפֿט, שטעלט דוד מאַלקין דעם טרויעריקן "פֿאַרוואָס", אין די לידער, וועלכע ער שרייבט, ווען ער לייגט אין אַ זייט די מאָלערישע לירע זיינע.

אָפּטמאָל האָט מאַלקין ליב אַ חסידיש־חדוהדיקן ניגון צו פֿאַרציען. דעמאָלט צעזינגט זיך זיין פּיקטורעלע שריפֿט מיט פֿאָרמען אין קאָנטראַסטירטע פֿאַרבן; און אייך דאַכט זיך, גלייך ווי חסידים וואָלטן אַקסל צו אַקסל זיך געלאָזט אין אַ טענצל – פֿריילעך זאָל זיין! דער רבי האָט געהייסן פֿריילעך זיין!

←

י. בערנסאָן

## צווישן ביכער

# באַשעוויס זינגערס "דער סערטיפיקאַט"

דאָס איז באַשעוויסעס אַ ניי בוך אין ענגליש, דערשינען אין 1992. אויפן שער־בלאַט באַמערק איך, אַז שוין אין זעלבן יאָר איז דאָס בוך דערשינען אין אַ צווייטער אויפלאַגע. דער מחבר איז שוין עטלעכע יאָר טויט, מעגלעך, אַז ס'זענען געבליבן נאָך אַנדערע נישט געדרוקטע מאַנוסקריפטן וואָס וועלן איבערגעזעצט ווערן אין אַנדערע לשונות. "דער סערטיפיקאַט" איז אַן עדות, אַז זיינע געדרוקטע יידישע ראָמאַנען, דערציילונגען, וואָס זענען מיט יאָרן צוריק סעריאַליזירט געוואָרן אין "פאָרווערטס" זענען איצט קאַנדידאַטן אויף איבערזעצונגען, אויב זיי זענען נאָך ניט איבערגעזעצט געוואָרן פריער.

אין "נאָכוואָרט" צום בוך שרייבט דער איבערזעצער, לעאָנאַרד וואָלף, אַז אין 1967 איז עס געוואָרן געדרוקט אין "פאָרווערטס", ווען באַשעוויס איז אַלט געווען דריי און זעכציק יאָר. מעגלעך, געשריבן געוואָרן אַ סך פריער און ס'איז אוממעגלעך נישט צו מיינען, אַז דאָס איז אַ בוך פון אַ יונגן מאַן, וואַכיק, אָנגעשפיצט, איראָניש... צו באַטאָנען דעם וועגעטאַריער אין באַשעוויסן, ציטירט ער זיינס אַ בילדל ווען ער שטייט פאַר אַ וואורשט־קראָם אין וואַרשע און מעדיטירט וועגן טויט פון די אַלע געשאָכטענע פֿי, הינער, חזירים און אַ 60 טויזנט זעלנער געפאַלענע ביי ווערדען (אין ערשטן וועלט־קריג). ר'איס ממשיך דעם בלוטיקן חשבון אויף זיין, באַשעוויסעס שטייגער. ער הערט דאָך נישט אויף צו פילאָזאָפירן איבער אַלץ און אַלעמען אונטער דער זון.

דער איבערזעצער מערקט אויך אָן, אַז די געשיכטע מיטן סערטיפיקאַט איז מער ווי אַ פיקציאָנעלער סוזשעט מחמת עס געפינט זיך אויך אין זיין אויטאָביאָגראַפישער אַרבעט "אַ יונגער מענטש אין זוכן ליבע" (1978). דאָרט דערציילט זיך, אַז זיין עלטערער ברודער (ישראל יהושע זינגער) האָט אים געהאָלפן באַקומען אַ סערטיפיקאַט קיין פאַלעסטינע מיט אַ פיקטיווער חתונה וואָס וועט דעקן זיינע הוצאות. די דאַטעס, נעמען, זענען נישט די זעלבע איןביידע ביכער, אָבער די כאַראַקטעריזאַציעס פון די פערסאָנאַזשן - כמעט די זעלבע.. דאָס מיינט, אַז אונטער פאַרשלייערונגען פון פיקציע, האָט ער געשילדערט אויטענטיש אויטאָביאָגראַפישע פרטים. דאָס האָט זיך טאַקע פאַר מיר בולט געקענטיקט אין סערטיפיקאַט אויף פיל זייטלעך פון בוך.

---

טייל מאָל נעמט מאַלקין און שטעלט צוזאַמען געאָמעטריש־געשטאַלטיקטע פאָרמען, צעיאַכמערט זיי מיט פאַרבן אין אַ בליציקער וויבראַציע און די פרייד טוט דאָרט שוימען איבער די ברעגעס.

בעיקר מוז מען אָבער זאָגן, - דער תוכיקער סך הכל פון דוד מאַלקינס פלאַסטישן דיבור איז דער טרויעריקער ניגון, דער פאַרטראַכטער זמר, וואָס טייטשט דעם ווייאיקן שלוכץ בקול דממה דקה; אָן איכה ישבה בדד נאָך אַ פאַרלוירענע וועלט, אַ פאַרשניטענע, וואָס נאָך איר איז אים פאַרבליבן בלויז זכרון. וועבט ער, דוד מאַלקין, מיט פאַרביקע פעדעם אַ זיידיק געוועב פון זכרון, כדי - אויף זיין שטייגער - מקיים צו זיין די מימרא פון אונדזערע חז"ל -

"אדם מועד לעולם"

פֿאַר זיך האָט דער מחבר געגומען דעם פּיקציאָנעלן נאָמען דייוויד בענדיגער, און דאָס פּיקציאָנעלע יאָר איז 1922. ער קומט קיין וואַרשע פֿון אַ דאָרף נעבן בילגאָריי, ווו ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט לערעריי. ער האָט נישט קיינעם אין וואַרשע. זיינע עלטערן - אין גאַליציע, ווו זיין פֿאָטער איז אויף אַ קבצנותדיקער רבנות־שטעלע. דער עלטערער ברודער און פֿרוי - אין רוסלאַנד (קיעוו, מאָסקווע) דורכלעבנדיק די פּאָגראָמען און די ערשטע "האָנ'ק־יאָרן" פֿון באָלשעוויזם מיט אַלע באַגלייט־דערשיינונגען פֿון "טשעקאַ"...

באַשעוויס האָט זיין סוזשעט פֿון "סערטיפֿיקאַט" איבערגעפֿורעמט אין זיינע שפּעטערדיקע אויטאָביאָגראַפֿישע ווערק וואָס זענען געווען דעם מחברס רעאַלער גאָלדגרוב. ער האָט עקספּלואַטירט פֿון דער דרויסנדיקער וועלט אירע כסדרדיקע פֿאַרענדערונגען און ביזאַרע קאָמפּליקאַציעס מחמת ביי זיינע קוים 19 יאָר, באַוויזן דורכצולעבן גאַנצע עפּאָכעס.

געבוירן אין פֿריאָר פֿונעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג (1904), איז ער נאָר אַלט געווען אַ צען יאָר בעתן אויסברוך פֿון ערשטן וועלט־קריג; דייטשע אָקופּאַציע, רעוואָלוציעס, פּויליש־באָלשעוויסטישער קריג. ביי זיינע נאָך יונגע בחורישע יאָרן, קומענדיק קיין וואַרשע, דאַכט זיך אים, אַז ער האָט שוין אַלצדינג אין לעבן פֿאַרשפּעטיקט. ער פֿאַרפּלאָנטערט זיך מיט עטלעכע יונגע פֿרויען, ראַנגלט זיך מיט נעווראָזעס, סעקסועלע פֿאַנטאַזיעס, וואָס באַגלייטן אים, דעם אָנהייבער־שרייבער, וועלכער האָט, ווי דער רוב פֿון זיין דור, אָנגעהויבן מיט העברעיש און איבערגעגאַנגען צו יידיש.

דער פּיקציאָנעלער באַשעוויס איז דער הויפּט־העלד אין דער גאַנצער אַקציע. די איבעריקע פּערסאָנאַזשן זענען אין דער אַקציע - ווער מער און ווער ווייניקער - נעבן־פֿיגורן, הגם די פֿרויען מיט וועלכע ער לעבט, שפּילן אַ גאַנץ באַטיינדיקע ראָל אין זיין לעבן. אַזוי איז מינאַ, זיין פֿיקציע אין "סערטיפֿיקאַט", וואָס האָט אַ חתן אין ישראל צוליב וועלכן זי וויל פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע - אַ קאָמפּליצירטע געשטאַלט, וועלכע דער מחבר האָט אויסגעפֿורעמט: זיך שטאַרק באַמיט צו מאַכן אירע משונהדיקע, ביזאַרע האַנדלונגען אַרויסוואַקסן פֿון איר נאַטור מיט אַלע פּסיכאָזן פֿון אַ צעפּיעשטשעטער בת־יחידה.

איר טאַטע, אַ חסידישער ייד, אָבער הייגטוועלטיק אין זיין צוגאַנג צום לעבן, האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן מאַטורע און אוניווערסיטעט־אויסבילדונג. דעם טאַטנס נאָכגיביקייט צו זיין טאָכטערס האַנדלונגען ווערט פֿאַרן לייענער קלאָרער ביים סוף פֿון סוזשעט וואָס שילדערט דעם זעלבסטמאָרד פֿון אַ ייִנגערער טאָכטער צוליב אַ דורכגעפֿאַלענער ליבע. אָבער מינאַ געהערט צו דער טעקסטטור פֿון יידישן גורל־קרייז, וואָס האָסן זייער אָנגעהעריקייט צו אַ פֿאָלק, צום יידישן פֿאָלק, פֿון וועלכן זיי ווילן אַנטלויפֿן. אויף איין אָרט באַמערקט דער מחבר, אַז אין פּוילן ווילן זיי נישט זיין קיין יידן אָבער מ'דערלויבט זיי ניט ווערן גויים. .אפֿשר, טראַכט זי, מינאַ, אַז אין פּאַלעסטינע - וווהין זי רייסט זיך צו פֿאָרן - וועט מען יאָ דערלויבן...

בעתן לייענען באַשעוויסן זענען מיר דאָך נישט קיין פּאַסיווע צושויערס פֿון די סצענאַריעס, וואָס האָבן צייטנווייז אַן אָנגעגליטע אַטמאָספֿער אין זייער אויסקלאַנג. פֿראַנטאַל קומט עס צום אויסדרוק ביים צענטראַלן הויפּט־העלד, וואָס פֿאַלט אָפֿט אַריין אין דער נעץ פֿון פּלאָנטערנישן אין וועלכע ער פֿאַרוויקלט זיך דורך זיין פּסיכישן מעכאַניזם. פֿאַראַן אַ וואָרט, אַ טערמין, פּליטה - באַנקראָט, וואָס דאַרף אָפּשפּיגלען

דעם יונגן יידישן דור פון באַשעוויסעס פּערסאָנאַזשן נאָכן ערשטן וועלט־קריג. דער מחבר לייגט אַריין אין מויל פון זיין העלדין, מינאַ, אַזעלכע ווערטער: "מיין לעבן איז אַזאַ וואָס לאָזט זיך נישט קלאָר מאַכן. אַגאָניע איז אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס".

איר ליבע צו דעם דעגענערירטן חתן, זביגניעוו שאַפּיראַ, איז אַ היפּנאָטיזירטע, אַ דעמאָנישע. דער מחבר איז גענויגט צום גערנאַק, אַז סיי אין ליבע, סיי אין דער סימפּאַטיע צום קאָמוניזם, האָט געאַרבעט אַ מעכאַניזם, וואָס איז געווען אויף שטער־מעסערס מיטן שכל הישר. באַשעוויס באַמיט זיך צו מאַכן דעם קנופּ פון אַ פּלאָנטער וואָס אַ מאָל שטאַרקער ביזן אָנהייבן דעם אויפּפּלאָנטער, וואָס קומט ערשט פּאָר בעת מע שטייט שוין איבערן האַלדז אין וואַסער. אויך האַלוציִנאַציִעס געהערן צו די אַרבעטס־כלים פון באַשעוויסן. פאַראַן אין דעם בוך מאָמענטן, ווען מ׳קען האָבן דעם איינדרוק, אַז כאַראַקטער־טראַנספאָרמאַציע נעמט מער אָן דעם אויסזען פון פאַרניכטונג. איך האָב עס באַמערקט אין דער כאַראַקטעריזאַציע פון דעם זביגניעוו־טיפּ, וואָס האָט געקוקט אויף זיך ווי ער וואָלט געווען גאָט. יעדער וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט אים האָט פאַרענדיקט שלעכט,ווי די יונגע יידישע סטודענטקע וואָס האָט פּאַר זביגניעווס אָפּפאָר קיין פּאַלעסטינע זיך גענומען דאָס לעבן. געשילדערט איז ער אין סוזשעט נישט בלויז ווי אַן אַסימילאַטאָר ביזן ביין, נייערט אויך אַן אויסוואורף ביז די פּיס־פינגער.

פאַראַן אין סוזשעט פּראָפיל־כאַראַקטעריזאַציעס פון זייטיקע טיפּן אין הויז פון זיין עלטערן ברודערס שוויגער־עלטערן. איך האָב געלייענט וועגן זיי אָן די פּיקציאָנעלע אַקסעסואַרן פון דעם בוך. געווען איז עס אַ טיף אָרעמע פאַמיליע פון פינף פּערזאָן (עלטערן, דריי טעכטער), אַריינגעפּרעסט אין נעבעכדיקער ענגשאַפט. צום עלטערן זינגער האָט זיין שוויגער געהאַט תרעומות הלמאי ער האָט פּאַר זיך אַרויסגעכאַפּט איר שענסטע טאָכטער צו לעבן אין טיפער נויט (נאָכן צוריקקומען פון רוסלאַנד). זי וואָרנט דעם ייִנגערן זינגער נישט צו גיין אין די פוסטריט פונעם עלטערן: "איז עס אַ חכמה אַריינציען אַנדערע אין צרות"?...

באַשעוויס ניצט אויס סיטואַציעס צו קענען אַרויספירן אויף דער סצענע אַ פויגל און ביי דעם האָב איך פריער געהאַט אין זיינס אַ דערציילונג געזען די מייסטערשאַפט פון מחבר אין דער פייגלוועלט. אין "סערטיפיקאַט" באַניצט ער אַ פּאַפּוגיי אין אַ צימער אין וועלכן ער רעדט אַריין: "ווייסט נישט ווי גליקלעך דו ביסט; האָסט אַן אָרט אין אַ שטוב מיט שפּייז און וואַסער, ביסט וואַרעם, נויטיקס זיך נישט אין אַ סערטיפיקאַט אָדער צו ווערן אַ יידישער שרייבער... דאָס איינציקע וואָס דיר פעלט איז אַ פרוי־פּאַפּוגיי". ער ציט ווייטער דעם פאָדעם פון לייכטן הומאָר מיטן באַשלוס מיטצונעמען דעם פּאַפּוגיי קיין פּאַלעסטינע, אויפהאָדעווען אים ווי אַ יתום (די באַלעבאָסטע איז אָקערשט געשטאָרבן), וואָס איז אַ מצווה ביי יידן.

היות באַשעוויס האָט ביים שרייבן געהאַט אויפן אויג די לייענער אין אַנדערע לשונות, באַשרייבט ער דעם אינהאַלט פון דער כתובה אין אַראַמעיש, ווען אין שטוב פון אַ רב ווערט פאַבריצירט די "פיקציע" אָפּצונאַרן דער בריטישער אַדמיניסטראַציע און אַריינקומען קיין פּאַלעסטינע דורך אַ הינטערטיר... די שילדערונג איז רעאַליסטיש. דער מאַן פאַרפּליכטעט זיך צו באַשפּיזן, באַקליידן זיין ווייב און לעבן מיט איר ווי מאַן און ווייב. אויב זיי גטין זיך דאַרף זי קריגן 220 גילדן פון מאַן.

רעאַל זענען אין בוך אַ היפּשע צאָל שילדערונגען פון יידישן לעבן אין וואַרשע בעת

די 1920־ער יאָרן, ווען דער מחבר האָט דורכגעלעבט די פּריסטע, גאָר יונגע יאָרן, צו וועלכע ער קערט זיך אַזוי אָפט אום אין זיין "סערטיפיקאַט", ווי אין די אַנדערע פיקציאָנעל־מאַסקירטע אויטאָביאָגראַפישע שטעלן פון זיינע ביכער. ביים לייענען זיי קומען מיר אויפן געדאַנק ביאַליקס שורות, ווּ ער שרייבט: "ערגעץ איז, און מיט רעכט, געזאָגט געוואָרן, אַז אַ מענטש זעט און באַגרייפט זאַכן בלויז איין מאָל אין לעבן: בעת ער איז נאָך אַ קינד. די ערשטע זעונגען וואָס זענען נאָך פריש, פונקט ווי זיי זענען נאָר וואָס אַרויס פון באַשעפערס האַנט – זיי זענען דער עיקר. דער תמצית פון די שפּעטערדיקע זענען בלויז אַ צווייטע, געפעלשטע אויפלאַגע...". "איך – שרייבט ביאַליק – האָב דאָס געלערנט טאָקע פון זיך אַליין: אַלע זעונגען, הימלישע און ערדישע, וואָס כ'האָב אויף זיי געמאַכט אַ ברכה אין לעבן, – האָבן זיך גענערט פון דעם כוח פון מיין ערשטן בליק" ("ווידערוווּקס")

וואָס שייך די ליבעס פונעם יונגן באַשעוויס – רעאַל־פיקציאָנעל – איז פּיקאַנט, וואָס דער מחבר זאָגט אין זיין "אָנגריף" אויף די ראָמאַניסטן, אַפילו אויף שעקספּירן מיט זיין ראָמעאָ־און־דזשוליע... אָבער ווי איז דער דין, ווען דער ראָמעאָ ווייס נישט וועלכע דזשוליע ער זאָל פאַראָפּאַנירן? "און ווי איז דער דין, אַז דער העלד איז הונגעריק, מיד, האָט נישט ווו אַ נאַכט צו שלאָפן. פאַר וואָס האָט די ליטעראַטור פאַרזען אַזעלכע ראָמעאָ־העלדן? די שרייבער ווי די פּאָליטיקער זענען ליגנערס, האָבן געמאַכט פאַראַלגעמיינערונגען וואָס האָבן נישט געשטימט מיט די פאַקטן".

אַזעלכע מעדיטאַציעס ווערן ביים מחבר געבוירן בעת ער גלייבט נישט מער אין גאָט, אין מענטש, אין וועלט. עס רעדט זיך וועגן אַ מאָמענט, ווען דער העלד דערשלעפּט זיך צום הויז, ווו ער האָט געוווינט אין אַ בלינד צימער אָן פענצטער און זיינע בעבעכעס ווערן אַרויסגעשטעלט אויף יענער זייט ער זאָל זיך אָפּטראָגן פון דאַנען... דאָס איז מסתמא אַ פיקציאָנעלע צוגעטראַכטע באַשרייבונג ביים סוף פון בוך, ווו דער מחבר האָט געזוכט צו פאַרענדיקן זיין העלדס נסיעה אין־זיך – ווען ער באַשליסט צו גיין צום הויז פון זיין פיקטיווער פרוי, אָבער פאַרן אַריינגיין, געבליבן שטיין און געטראַכט: – אַריינציען זיך צו אַ פיקטיוו ווייב, אַ פיקטיוון גט ווי אַ פיקטיווער שרייבער? איז אָנשטאָט באַצאָלן זיין פיקטיוון שווער דירה־געלט פאַר אַ צימער – איז ער אַוועק צום וואָקזאַל, אָן געזעגענען זיך מיט קיינעם וועמען ער קען סיי ווי ניט העלפן...

מיט דעם האָט באַשעוויס געזוכט אָפּצוהאַקן דעם פאַרפּלאָנטערטן פיקציע־קנויל פון ליבן זיך איינצייטיק מיט דריי פרויען און פון אַ פיקטיווער חתונה צוליבן סערטיפיקאַט און אַ פיקטיוון גט מיט זיין "פיקציע".

פונקט ווי ביי סתם מענטשן זענען פאַראַן פאַרשיידענע מינים, אַזוי אויך ביי שרייבערס. איך זע עס אין געוויסע ביכער, וואָס באַטראַכטן לעבן, ווי די איינציקע פאַראַנענע רעאַליטעט. אָבער זי איז אָן וויזיעס. נאָכן פאַרענדיקן אַזאַ ווערק איז עס ווי דער סוף פון אַ פילם, וואָס מע האָט אָקערשט געזען און מע גייט אַוועק פון אים מיטן געפיל: געפּטערט אַן אָוונט מיט גאָרנישט... פאַראַן אָבער אויך פילמען – אַ מינדערהייט – וואָס נעמען אויף לעבנס, ווי אַ פרווו פון געוויסע מענטשלעכע קוואַליטעטן, גוטע און שלעכטע, זייערע סצענאַריעס גיבן נישט קיין סך אין דעטאַל, זייער שווערפונקט איז אויף דעם כאַראַקטער־צושטאַנד פון וועלכן עס טוען אַרויסקומען געוויסע האַנדלונגען מיט אַזאַ דורכדרינגלעכקייט פון אַ משונהדיק צעדרייטער פּסיכיק, וואָס שוידערט אויף.

דאָס באַציט זיך אויך צו שרייבערס פון דעם מין. זייערע פּערסאָנאַזשן דערמאָנען מיך

אין לערמענטאָווס אַ פּערז: "זיי האָבן געזוכט מיט אומרו דעם שטורעם, ווי אין שטורעם וואָלט געלעגן זייער רו"...

ווען איך לייען באַשעוויסן קען איך זען זיין כוח צוריקצושאַפן דעם נעכטן ער זאָל אויסזען פאַרן לייענער אַזוי עכט לעבעדיק, ווי ער איז באַשריבן געוואָרן דורכן מחבר. וואָס עס פעלט מיר אָבער אין זיינע באַשרייבונגען איז אַן אָביעקטיוויזירטע געשטאַלטיקונג, באַגלייט מיט פּסיכאָלאָגישע דינקייטן, וועלכע ער זאָל קענען באַווייזן אינעם לאַבירינט פון דעם העלדס נשמה.

מיט אַ באַזונדער אויפמערק האָב איך געלייענט שטעלן פון "סערטיפיקאַט" וועלכע שפּיגלען אָפּ דעם עמבריאָ פון אַ יונגן שרייבער, וואָס איז נאָך "אויף דער לער", וואָס זאָל קענען שטיין אויף די אייגענע פיס, אָן קוליעס און אונטערזאָגערס. ווי יעדער לעבעדיק באַשעפעניש איז אַ שרייבער אַן אוניווערס פאַר זיך. און כדי צו ווערן אויסגעוואַקסן, דאַרף ער זיך וואָס שנעלער באַפרייען פון צו שטאַרקע השפעות אַריינגעזאַפּטע פון אַנדערע, וואָס קענען ווערן אַ שטערונג צום באַקומען אַ שאַרפע אויטענטישע שטים, אַזאַ וואָס איז נישט ענלעך צו אַנדערע. מע קען געהערן צו אַ שרייבער־גרופּע, צו אַזאַ אָדער אַנדערער ליטעראַרישער ריכטונג אָבער דערביי נישט פאַרלירן די אינדיווידועלע פאַרב, וואָס טיילט אויס פון די אַנדערע קאָלעגן שרייבערס. אין אַ געוויסן שטעל פון דעם בוך זאָגט באַשעוויס, אַז אין יעדן פון אונדז איז אינעווייניק אפשר באַהאַלטן אַ נביא, נייערט מיר מאַכן זיך טויב...

די קאָמוניסטישע טיפּן אין דעם בוך זענען סטערעאָטיפּיש. אָבער עס פעלט ביי זיי די לופט פון יענער צייט, וועלכע איז פאַר קאָמוניסטן געווען פול מיט דערוואַרטונגען אויף אַ מין נייעם משיח, אויף אַ נייעם סדר פון זאַכן און געשעענישן צו ענדערן דעם פּנים פון דער וועלט. דער שרייבער־אויף־דער־לער האָט שוין באַוויזן אויף דער הייסער מינוט טועם־זיין אידעען פון קאַנטן, ספּינאָזען מיט וועלכע ער וויל זיך באַווייזן פאַר די עלטערע. ער זוכט זיך אָנצושפּאַרן אויף די גרויסע נעמען פון דער פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט, ווי ער האָט עס פריער געטאָן מיט אַ אַ מימרא פון די תנאים, וועלכע ער האָט געלערנט. אין זיין מוח איז אַ מיש־מאַש פון אידעען, וועלכע ער האָט אַראָפּגעשלונגען גאַנצערהייט נישט באַוויזן צו קענען ווי געהעריק פאַרדייען.

די קאָמוניסטקעס ביי וועלכע ער דינגט פאַר זיך אַ צימער באַטראַכטן אים מיט נייגיר, און ער טרעפט ביי זיי אַ יונגן קאָמוניסטישן פּאָעט, געקומען פון רוסלאַנד. זיין פיקציאָנעלער נאָמען: זוסקינד אייכל. ווערליק דער כאַראַקטעריזאַציע פון זיין אויסזען, מאַנירן און זיין מיידליש שיינקייט־פּנים, שיינט ער צו זיין פּרץ מאַרקיש. אָבער איך צווייפל צי זיין פאַרגלייבטקייט אין זיך, ווי באַשעוויס שילדערט אים, זאָל שטימען מיט דעםווירקלעכן פּרץ מאַרקיש. ער שרייבט: "ער האָט זיך באַטראַכט ווי אַ וויכטיקער פּערסאָנאַזש. זיין עקספּרעסיע האָט זיך כסדר געענדערט - איראָניע, קנאה, שאַרפזין, אַ סיגאַרעט אין מויל צווישן זיינע מיידלשע ליפּן". הערנדיק אַז דער בחור שרייבט, פרעגט ער איראָניש, "צי ער שרייבט די מעמואַרן פון זיין צוקונפט?"

בין איך אין ספק צי דער סאַרקאַזם פון זוסקינד אייכל שטימט מיט דער מאַסקע פון אַזאַ געשטאַלט, ווי פּרץ מאַרקיש בעת ער איז געווען אין וואַרשע. דער דיאַלאָג צווישן דעם נאָך־דאַן פּאָטענציעלן יונגן שרייבער, בענדיגער, מיט אייכלען, איז גאַנץ לעבעדיק געשילדערט, אינטריגירנדיק, וואָס איז דאָך באַשעוויסן געווען אַזוי אייגן. דער וויכוח ווען געבן אַ מעגלעכקייט דעם יונגן שרייבער אויף דער לער צו קענען דרוקן זיין

לילקע מייזנער

# אויפֿן שוועל פֿון 70־טן יאָר

דעם 11־טן יוני ד.י. איז אין יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס פֿאָרגעקומען דער באַנקעט צום אָפּשלוס פֿונעם קולטור־סעזאָן. אַ היפּשער עולם האָט זיך פֿאַרזאַמלט כּדי אויסהערן דעם באַריכט פֿון אַ יאָר אָפּגעטוענער אַרבעט, אויפֿן שוועל פֿונעם 70־טן יאָר טעטיקייט פֿון קלוב. עס איז אויך געווען, ווי שטענדיק, אַן אַרטיסטישער טייל אויסגעפֿילט דורך ריסאַ איגעלפֿעלד, יעקב לעווין און יעקב באַסנער.

ווייטער ברענגען מיר דעם באַריכט־רעפֿעראַט פֿון דער פֿאָרזיצערין פֿון דער קלוב־פֿאַרוואַלטונג – לילקע מייזנער.

טייערע פֿאַרזאַמלטע, טייערע געסט! אָט האָבן מיר פֿאַרענדיקט דאָס 69־טע יאָר פֿון אונדזער קולטור־טעטיקייט און שפּאַנען אַריין אין דעם 70־טן יאָר. ווען די ווענט פֿון אונדזער קולטור־היים וואָלטן געקאָנט דערציילן, וואָלטן מיר זיכער זיך דערוווּסט גאָר אינטערעסאַנטע איינצלהייטן פֿון אונדזער לאַנגיאָריקער עקזיסטענץ. אַ היפּשער מהלך טיילט אונדז אָפּ פֿון די "מאַגראַ"־טעג, דאָרט וווּ אונדזער ערשטע היים איז געשטאַנען – ביז היינט. איך דערמאָן זיך יענע טעג און יאָרן, די טוער, די ליבהאָבער, די איבערגעגעבענע מיטגלידער, וועלכע זענען געקומען צוויי מאָל אַ וואָך הערן און פֿלעגן דאָס יידישע וואָרט; די ביבליאָטעק מיט איר איבערגעגעבענעם ביבליאָטעקאַר, די מאָנטיק אויפֿפֿערנאַכטן ווען מענטשן זענען נאָך דער אַרבעט געקומען בכדי זיך אָפּפֿרישן, אויפֿנעמען אַ יידישן שרייבער, אַ קינסטלער, און די יום־טובֿדיקע שבת־אָוונטן, די אויפֿטריטן פֿון פֿייגעלע פּאַניטש, פּינטשע בערמאַן, ניומאַן און פֿיל אַנדערע היימישע טאַלאַנטן; די דיסקוסיעס וועגן המשך, די זאָרג פֿאַר אונדזער זשורנאַל "חשבון".

מיר האָבן געהאַט פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן געזאָרגט פֿאַרן אינהאַלט און אויסזען פֿון קלוב: די צוקערמאַנס, דויטשעס, פֿרידלאַנד, גאָלדפֿאַרב, ראָבין, פּאָזי, שלאָסער, נוטקעוויטש, פֿרידמאַן, גובקין, קאַרסין, משה כּהן און צענדליקער אַנדערע, וועלכע וועלן

---

אומרייפֿע אַרבעט, איז אַ באַלערנדיקער, אַזוי אויך דער אַרגומענט, אַז בייראָנס פֿריע פּאָעמעס זענען אויך נישט געווען נאָך קיין שאַפֿונג פֿון אַ זשעני, זענען געווען אַ ביסל אומצייטיק, אָבער מ'האָט געקענט שפּירן אין זיי דעם בייראָן־פּאָטענציאַל, וואָס וועט אַרויס קומען מיט אַלע זיינע שטימונגען און קאַפּריזן.

פֿאַרשטייט זיך אַז די דיסקוסיע וואָס באַשעוויס האָט אַריינגעפֿלאָכטן אין בוך איז היפּאָטעטיש לגבי אַ באַציונג צו אַ נישט רייפֿן יונגן שרייבער, וואָס גוויטיקט זיך מ'זאָל אים דערמוטיקן. איך זע עס, טיילמאָל, אין געדרוקטע דערציילונגען און לידער אין דער פּעריאָדיק. אָבער כּדי עס זאָל טראָגן אַ דערציערישן כאַראַקטער, פֿאָדערט זיך דער קריטיקער זאָל אויך "נעמען אַ וואָרט" און אָנווייזן – דעליקאַט – די אומאויסגערייפֿטע ערטער וועלכע איך באַציכן: "לעכער" אין אַ ווערק. זיי געפֿינט מען אָבער אויך ביי שוין רייפֿע שרייבער, מיט אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור.

דערמאָנט ווערן אין משך פון אונדזער יובל־יאָר.

זיבעציק יאָר איז אַ גרויסער צייט־אָפּשניט. געזעלשאַפטלעך - זיכער אַ וויכטיקער פּעריאָד. אין משך פון דער צייט האָט דער קלוב געמוזט איבערלאָזן אַ באַשטימטן חותם אויף דעם יידיש־רעדנדיקן לאָס־אַנדזשעלעס. אונדזער אַרבעט איז אַן אייגנאַרטיקע, אונדזערע צילן זענען קלאָרע. מיר שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פֿאַרזאַמלט אונטער איין דאַך אַלע - אָן אונטערשייד פון פּאָליטישע איבערצייגונגען - וועלכע זאָרגן פֿאַר דער יידישער שפּראַך, יידישער קולטור, ליטעראַטור און אַלע יידישע קולטור־ווערטן. מיר זענען די טרעגער פון אַ קאָלאָסאַלער ירושה וואָס איז אונדז אָנפֿאַרטרויט געוואָרן נאָך דעם גרויסן, קאַטאַסטראָפֿאַלן חורבן.

דער שפּייכלער פון דער יידישער קולטור - דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום - איז אומגעקומען, אָבער די ווערטן זענען איבערגעבליבן. מיר קאָנען נישט איבערפֿלאַנצן דעם ספּעציפֿישן שטייגער וואָס האָט זיך דאָרט אַנטוויקלט, אָבער מיר קאָנען אויפֿהיטן די ווערטן, די קולטור־אוצרות וואָס זענען דאָרט געשאַפֿן געוואָרן. אונדזער מוטערשפּראַך יידיש, מיט וועלכער עס האָבן געלעבט, געאָטעמט און געשאַפֿן מיליאָנען יידן, איז פֿאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט אירע שעפֿער, ליבהאָבער, לערער, אָבער, ווי אין יענער לעגענדע, זענען די אותיות זיך צעפֿלויגן, כדי אויף ס׳ניי זיך צונויפֿזאַמלען און מאָנען.

מיר דאָ, אין לאָס־אַנדזשעלעס, זענען מסתמא איינע פון די עלטסטע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס מיט ספּעציפֿישע צילן און אויפֿגאַבן. אַוודאי זענען געווען און זענען דאָ אין אַמעריקע וועלטלעכע פֿראַטערנאַלע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געהאַט און האָבן נאָך אַלץ פֿאַר אַ ציל צו מיען זיך פֿאַרן ווייל פון יידישן ציבור: דער אַרבעטער־רינג, דער "אינסטיטוט" די "לייבאָר ציוניסטישע אַלייענס", דער "איקוף", דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, דער "ייוואָ", און דאָס "יינגסטע קינד" - די מאַסאַטשוסעטס זאַמל־ביבליאָטעק. זיי אַלע טוען געוויסע אַרבעטן אויף זייער אופֿן, אין אַ גרעסערן צי קלענערן מאַסשטאַב, און מיר פֿאַרנעמען צווישן זיי אונדזער באַזונדערן פּלאַץ.

דער גורל פון דער יידישער שפּראַך און קולטור וואָלט אפשר געקאָנט זיין אַן אַנדערער ווען מדינת ישראל וואָלט פֿאַרקוקט די פּאָליטישע איינשטעלונג וועגן גלות און די צוויי שפּראַכן, יידיש און העברעיש, וואָלטן געקאָנט הויזן צוזאַמען. אַוודאי פֿאַרגעסן מיר נישט, אַז עס זענען געווען אין אונדזער אַלטער געשיכטע מער שפּראַכן, אָבער די קולטור־ווערטן וואָס יידיש האָט געבראַכט מיט זיך האָבן אַריינגעשריבן אַ גאָלדן בלאַט אין אונדזער היסטאָרישן גאַנג. דאָס פֿאָלק האָט גערעדט יידיש, קינד און קייט האָבן גערעדט יידיש, שולן, טעאַטערס, וויסנשאַפֿט־אינסטיטוציעס האָבן געבליט - ביז צו דעם טראַגישן סוף.

אָבער - מיר זענען אַ ווונדערלעך פֿאָלק, פֿול מיט וויטאַליטעט, טיפֿן גלויבן און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט! נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן באַווייזן זיך אויפֿן יידישן האָריזאָנט שפּראָצונגען פון ווידערלעב. דער אויפֿקום פון יידיש־ווינקלען, קלובן, קלאַסן פון יידיש; די יידיש ליטעראַרישע זשורנאַלן; דער באַנוץ פון קאָמפּיוטערס פֿאַראייניקט יידיש־ליבהאָבער פון שטעט און לענדער.

***

מיר דאָ, אין לאָס־אַנדזשעלעס, טוען אונדזער אַרבעט כמעט אויסשליסלעך אין יידיש.

מיר נעמען אויף יידישע שרייבער, קולטור־טוער, גיבן אַרויס אַ יידישן ליטעראַרישן זשורנאַל אונטער דער רעדאַקציע פון דעם פּאָעט משה שקליאַר. איז כדאי ביי דער געלעגנהייט צו דערמאָנען, אַז דער "חשבון" וועט באַלד אַלט ווערן פופציק יאָר - אַ האַלבן יאָרהונדערט! די מענטשן, וועלכע האָבן רעדאַקטירט און געהאָלפן דעם זשורנאַל אין משך פון די יאָרן האָבן שטענדיק געזאָרגט פאַר זיין אינהאַלט, ריינקייט, עסטעטישן און ליטעראַרישן ניוואָ. לאָמיר דאָ דערמאָנען אייניקע פון זיי: פרידלאַנד, טענענהאָלץ, רויזנבלאַט, ש. ווייס, אריה פּאָזי, ישראל גובקין, סערגיי גוטקעוויטש, זלמן שלאָסער, ראָבין, משה כהן.

אונדזער קלוב, ווי באַוווּסט, ווערט אָנגעפירט דורך אַ פאַרוואַלטונג, וועלכע באַשטייט פון פאָלגנדיקע מיטגלידער: יעקב שייפער, קובא זעלמאַן, צבי הירש, מענדל סלוצקי, רחל סלוצקי, סימע קאַרפּ־לעפקאָוויטש, זעלדע מאַלעוויטש, מאַשע הענלי, בעלאַ פּאָזי, בעבע לעווענטאַל, מרים הערבסט, נתן שטיינמאַן, יוסף סאָסקי, מאָניע גאַרפיין און לילקע מייזנער. יעדער מיטגליד האָט אַ בשטימטע פונקציע. די אַרבעט איז נישט שטענדיק קיין לייכטע, ווייל פון פלאַנירן אַן אונט ביז דורכפירן, פאָדערט זיך אַ סך צייט און מי. ווילן מיר ביי דער געלעגנהייט דאַנקען יעדן באַזונדער פאַר דער מיפולער אַרבעט! מיר ווילן אויך באַגריסן די צוויי נייע פאַרוואַלטונג־מיטגלידער - בעבע לעווענטאַל און מרים הערבסט.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז מיר האַלטן אָן פאַרבינדונגען מיט דער ברייטער יידישער וועלט. מיר שטייען אין קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע שטעט אין אַמעריקע, וווּ עס זענען פאַראַן יידיש־קלובן. אַ סך אויפמערקזאַמקייט ווידמען מיר דעם אַרכיוו אונטער דער אָנפירונג פון חבר סאָסקי. מיר נעמען אַראָפּ אויף טאַשמעס יעדן צוזאַמענקום און אונדזער יונגע מיטגלידערין מיקי פילמירט יעדע אונטערנעמונג. דאַנקען מיר איר פון גאַנצן האַרצן!

אין משך פון יאָר האָבן מיר צובאַקומען אַ ריי יונגע מיטגלידער, מיט וועלכע מיר פרייען זיך. מיר זענען פאַרבעטן געוואָרן אָנטייל צו נעמען אין דעם יידישן פעסטיוואַל וואָס ווערט אָרגאַניזירט דורכן וואַלי סיטי יידישן קאָמיוניטי צענטער אין סעפּטעמבער.

פון אָקטאָבער פ.י. ביז היינט האָבן מיר דורכגעפירט דרייסיק שבת־אָוונטן. די לעקטאָרן און קינסטלער זענען געווען: סאַראַ מאָשקאָוויטש, מאַיאַ אייזין־ווייספעלד (מעקסיקע), פסח מאַלעוויטש, משה וואָלף, באַשע וואַנעמייקער, לילקע מייזנער, חייהלע אַש, י. באַסנער, שמואל באַט, סטענלי בונין, ב.ווייסבערג, ריווע זאַלאָטאַראָוו, דאָראָטי ראַכמיס, פּראָפ. מאַרווין צוקערמאַן, פּראָפ. הערשל סלוצקי, חזן הערשל פאַקס, משה שקליאַר, קערי גודמאַן, בעבע לעווענטאַל, סיבעל בענדער, פּראָפ. זשאַנעט האַדאַ.

אַרטיסטן: יעקב לעווין, ריסאַ איגעלפעלד, פסח מאַלעוויטש, י. באַסנער, בירמאַן, ליזאַ ליבאָווסקי, מלכה שאו, דיאַנאַ וואָלמאַן, ראַלף סטערלינג, די קינדער פון אונדזערע פריינד אַלבי און דער כאָר פון אַרבעטער־רינג.

די טעמאַטיק: צוויי לעקציעס וועגן איציק מאַנגער: ליבע־מאָטיוון אין פאָלקס־געזאַנג (דורכגעפירט דורך געסט פון אָראַנדזש־קאונטי יידישן קלוב - נאַראַטאָר, סיד ווייגשטיין; די לאַגע פון יידיש דורך די אויגן פון יידישע פּאָעטן, 70 יאָר יידיש שולוועזן אין מעקסיקע; וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער יידישער בוך־צענטער; טויזנט יאָר מאַמע־לשון; וועגן שרייבער אירמע דרוקער; וועגן פּאָעט ה. רויזנבלאַט; יידישער הומאָר; וועגן אַ. לוצקי; וועגן משה נאַדיר; עלי שעכטמאַנס ניי ווערק "ביים שקיעה־אַקער"; אַכציק יאָר יידישע כאָרן אין אַמעריקע; וועגן פּאָעט אברהם סוצקעווער; די ראָלע פון דער פרוי אין אונדזער בראשיתדיקער יידישער געשיכטע; אַן אָוונט געווידמעט דעם יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און פופציק יאָר נאָך דער באַפרייאונג; יום העצמאות־פייערונג; וועגן באַשעוויס־זינגער; יידן אין פראַנקרייך בעת דער היטלער־אָקופּאַציע; איינדרוקן פון אַ רייזע אין כינע. די אַלגעמיינע צאָל באַזוכער - קנאַפּע צוויי טויזנט.

אויף אונדזער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָבן מיר זיך געצוייער אָפּגעשטעלט אויף דעם ליטעראַרישן זשורנאַל "חשבון", וועלכער דערשיינט צוויי מאָל אַ יאָר. מיר האָבן גערעדט וועגן דער פאַרשפּרייטונג, וועגן דער מיפּולער אַרבעט פונעם רעדאַקטאָר און די צוויי אַדמיניסטראַטאָרן - צבי הירש און נתן שטיינמאַן. מיר וועלן אַלץ טאָן אַז דער זשורנאַל אונדזערער זאָל האָבן אריכות ימים!

און לסוף. אין אונדזערע יובל־טעג דאַרפן מיר געדענקען, אַז אונדזער ציל איז אויפהאַלטן, פלעגן און פאַרשפּרייטן די יידישע קולטור־ווערטן. אויף אונדז אַלעמען ליגט אַ ריזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. לאָמיר צוזאַמען, מיט אונדזערע באַשיידענע כוחות, אָבער מיט גרויסן ווילן און אויסדויער אַריינגיין אינעם זיבעטן צענדליק יאָרן - לאָמיר ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם וואָס איז אַזוי טראַגיש איבערגעריסן געוואָרן; לאָמיר צוזאַמען שפּינען דעם חלום פון אַ שענערער און בעסערער וועלט! און צו אייך אַלע, וואָס העלפן אונדז אויף פאַרשיידענע אופנים - אַ האַרציקן דאַנק! האָט אַ גוטן, געזונטן זומער, און צום ווידערזען אין גיכן!

---

מיר דריקן אויס אונדזער טיפן מיטגעפיל די פריינד מענדל און
רחל סלוצקי און משפחה, און דעם דיכטער בינם העלער
אויפן טויט פון זיין ליבער פרוי און זייער שוועסטערקינד

## הדסה קעסטין

די באַוווסטע יידישע אַקטריסע, וועלכע האָט געטראָגן איבער
דער וועלט דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט און באַרייכערט דערמיט
אויך אונדז אין לאָס־אַנדזשעלעס.
איר אָנדענק וועט אויף שטענדיק בלייבן צווישן אונדז.

פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור־קלוב
אין לאָס־אַנדזשעלעס.
רעדאַקציע "חשבון"

# שרה און שמחה ליינער באַערט

## דורך דער ביוראָ פאַר יידישער דערציונג

דעם 13־טן יוני ד.י. האָט די ביוראָ פאַר יידישער דערציונג אין לאָס־אַנדזשעלעס אויף אַ ספּעציעלער פייערלעכקייט אין בעווערלי הילטאָן האָטעל באַערט די אָנגעזעענע יידישע קולטור־טוערין, לעקטאָרין און שרייבערין שרה ליינער און איר מאַן שמחה ליינער פאַר זייער באַטייטיקן בייטראָג לטובת דער דערציונג פונעם יונגן יידישן דור.

ענטפערנדיק אויף די פילצאָליקע באַגריסונגען מצד די אָנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן אין פעלד פון יידישער דערציונג אין לאָס־אַנדזשעלעס, ווי אויך פון די ליינערס קינדער און אייניקלעך, האָט שרה ליינער געזאָגט צוו. אַנד.:

...לערנען האָט אונדז דעפינירט ווי אַ פאָלק און מיר טראָגן שטאָלץ דעם נאָמען עם הספר. די געשיכטע פון פעלקער אויף דער וועלט איז אין אַלגעמיין אַ געשיכטע פון מלכים, הערשער, קריגספירער און דעראָבערער – פונעם אויפקום און אונטערגאַנג פון קעניגרייכס און אימפּעריעס. היסטאָרישע עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע, זענען, צום אונטערשייד, געצייכנט דורך ספרים: תקופת התנ"ך, תקופת המשנה, תקופת הגמרה, א.ד.גל. אונדזערע העלדן זענען הלל און שמאי, רבי יוחנן בן זכאי, רבי עקיבא, דער רמב"ם, דער ווילנער גאון, רבי ישראל סאלאנטער א.א.וו. אַפילו משהן, אונדזער גרעסטן פירער, געדענקען מיר נישט דער עיקר ווי אַ גענעראַל אָדער באַפרייער, נאָר ווי משה רבינו, משה דער לערער.

זינט די פריסטע צייטן פון אונדזער געשיכטע האָט דער ייד געהאַט אַ נייגונג צום לערנען. דער מדרש זאָגט אונדז, אַז אַפילו אַלס קנעכט אין מצרים האָבן יידן זיך אַמוזירט מיט ספרים משבת לשבת. לערנען איז קיין מאָל נישט געווען, לויטן מדרש, די זאַך פון אַ העכערן קלאַס, אָדער פון די כהנים אַליין, נאָר אַפילו די קנעכט אין מצרים פלעגן זיך גריבלען אין ספרים. זינט די צייטן פון עזרא הסופר איז געוואָרן איינגעפירט, אַז די תורה דאַרף געלייענט ווערן עפנטלעך און רעגולער יעדן שבת און אין די ירידים־טעג – מאָנטיק און דאָנערשטיק, ווען עס וועט זיין צום מערסטן צוטריטלעך פאַרן פשוטן ייד.

אַזוי פרי ווי אין ערשטן יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט־רעכענונג האָט שמעון בן שטח, דער נשיא פון סנהדרין, געשאַפן אַ סיסטעם פון מיטלשולן אין אַלע גרעסערע שטעט פאַר בחורים אין עלטער פון 16 יאָר אָן. מיט הונדערט יאָר שפּעטער האָט דער כהן גדול יהושע בן גמלא געשאַפן אַ סיסטעם פון פאַרפליכטנדיקע עלעמענטאַר־שולן אין יעדער אָרטשאַפט פאַר אַלע קינדער אין עלטער פון פינעף יאָר אָן. דער היסטאָריקער יאָסעפוס פלאַוויוס דערציילט, אַז בלויז אין ירושלים זענען געווען אַן ערך 30 אַזעלכע שולן. קיין שום שטאָט, ווערט געזאָגט, איז נישט געווען אָן אַ תלמוד תורה. און אויב עס האָט זיך געטראָפן אַזאַ שטאָט, איז זי באַצייכנט געוואָרן ווי אַן עיר נדחת – אַ פאַרלאָרנע, אָדער פאַרלאָזענע שטאָט.

(...) אין אַן אַרטיקל, וואָס איז לעצטנס געווען פאַרעפנטלעכט אין "פאָרווערטס" דערמאַנט הרב אהרן בן ציון שורין אַ וויכוח צווישן ריכטער פון העכסטן געריכט –

בראַנדייס, אַן אָנגעזעענעם פירער פון ציוניזם אין אַמעריקע, און מנחם מענדל אוסישקין, דעם פירער פון ציוניזם אין אַמאָליקן רוסלאַנד, אילוסטרירנדיק צוויי פונדאַמענטאַל־קעגנזעצלעכע שטעלונגען לגבי יידישער דערציונג. פון איין זייט איז דער טראַדיציאָנעל יידישער בליק, וואָס האָט געהאַט די אויבערהאַנט אין מזרח־אייראָפּע, אַז יידישע דערציונג, צוליב איר וויכטיקייט, איז אַ פליכט פון דער קהילה, ווי אויך די פאַרנאַטפאָרטלעכקייט פון די עלטערן; אַז יעדע יידישע קהילה, צי זאָל עס זיין אין אַ שטעטל אָדער אַ גרויסער שטאָט, מוז דערמעגלעכן יעדן יידישן קינד צו לערנען. (איך דערמאָן זיך ווי אין מיין קליינעם שטעטל פונסק האָבן מיין פאָטער ר׳ מאיר אריה ז״ל און מיין עלטערער ברודער חיים צבי זיך צונויפגערעדט מיט דריי אַנדערע בעלי בתים און אַראָפּגעבראַכט אין שטעטל אַ מלמד כדי ער זאָל לערנען אַלע קינדער, אַזוי אַז קיין איין קינד, אָרעם צי רייך, זאָל נישט בלייבן אָן בילדונג).

די שטעלונג פון ריכטער בראַנדייס, דאַקעגן, איז געווען, און אָט דער בליק האָט דאָמינירט אין דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אַז יידישע דערציונג איז אַ פריוואַטע זאַך, די פליכט פון טאַטע־מאַמע און נישט די פאַראַנטפאָרטלעכקייט פון דער אָרטיקער יידישער קהילה, שוין אָפּגערעדט פון דער יידישער געזעלשאַפט.

ווי טראַגיש איז, וואָס אָט דער בליק (פון בראַנדייסן) האָט דעצידירט אין דער אַמעריקאַנער יידישער פילאַנטראָפּיע, און אין רעזולטאַט דערפון קאָנען אונדזערע קהילות באַצייכנט ווערן ווי עירים נדחות – פאַרלוירענע שטעט„ וויסטעניש פון יידישער עם־הארצות, אַסימילאַציע און געמישטע חתונות. ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזען יידישקייט אין אַמעריקע, ווען יעדע יידישע קהילה וואָלט, אין די יאָרן פון דער גרויסער יידישער אימיגראַציע, געשאַפן יידישע טאָג־שולן און געשטיצט זיי מיט קאָמונאַלע פאָנדן אַזוי, אַז קיין איין ייִדיש קינד זאָל נישט בלייבן אָן יידישער דערציונג צוליב מאַנגל אין פינאַנציעלע מיטלען.

די דערציונג פון אונדזערע קינדער קאָן, בכן, נישט זיין מער אָפּהענגיק פון די עלטערנס מעגלעכקייטן צו צאָלן דערפאַר. ווו נאָר מיר האָבן צו טאָן מיט נייגעקומענע קינדער פון געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, צי פון איראַן, אָדער דאָ הי געבוירענע קינדער, מוזן זיין קאָמונאַלע פאָנדן פאַר זייער דערציונג. יידישע דערציונג איז נישט נאָר דעצידירנדיק פאַרן פרצוף־פּנים פון דער קהילה; עס איז אַן ענין פון הצלה, פון רעטונג, פון פאַרזיכערן די סאַמע עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק.

אין משך פון יאָרן, אָנגעמענדיק אונדזערע באַשלוסן וועגן צדקה, האָבן שמחה און איך זיך געקערעוועט מיט אונדזער באַנעמען די וויכטיקייט פון יידישער דערציונג. אָט דאָס האָט אונדז באַווירקט צום עטאַבלירן דעם שמחה און שרה ליינער פאָנד פאַר יידישער דערציונג.

הײַנט זענען מיר צופרידן צו דערקלערן, אַז מיר פאַרגרעסערן אָט דעם פאָנד מיט אַ צוגאָבלעכן האַלבן מיליאָן דאָלאַר צום נוצן פאַר דער אונטערשטיצונג פון יידישער דערציונג, אין פאַרשטענדיקונג מיט דער ביוראָ פאַר יידישער דערציונג. מיר האָפן, אַז דאָס וועט סטימולירן די פאַרגרעסערטע קאָמונאַלע שטיצע פאַר דעם צוועק.

# באַגריסונג פון פּרעזידענט קלינטאָן
## צו שרה און שמחה ליינער

גרוסן צו אַלע פאַרזאַמלטע אין לאָס־אַנדזשעלעס צום באַערן שרה און שמחה ליינער, וועלכע האָבן בכובדיק בייגעשטייערט כדי באַרייכערן דאָס לעבן פון זייערע מיטבירגער.

אונדזערע אורעלטערן זענען געקומען פון אַלע עקן וועלט, ברענגענדיק פאַרשיידענע קולטורן, דערפאַרונגען און גלויבנס, וואָס געשטאַלטיקן אונדזער פאָלק היינט צו טאָג. אויפהיטנדיק אונדזער עטנישע און רעליגיעזע ירושה, גיט יעדער פון אונדז זיין בייטראָג צום קוואַל פון אונדזער פאָלקס קראַפט און קאָנטינואיטעט אין דער כסדר זיך ענדערנדיקער וועלט. איך באַגריס די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע בירגער פאַר זייער מי אויפצוהאַלטן די גרויסע טראַדיציעס, בייטראָגנדיק וויסן און שטיצע פאַר די מיטגלידער פון זייער קהילה. זיי קאָנען זיין שטאָלץ מיט די האָפענונגען און הילף וואָס זיי האָבן געבראַכט צו אַזוי פיל לעבנס אין משך פון די יאָרן.

שרה און שמחה זענען שיינע ביישפּילן פון די דערפאָלגרייכע רעזולטאַטן פון ווידמען אונדזער צייט און ענערגיע לטובת דעם כלל. עס פאָדערט זיך אַ ספּעציעלע איבערגעגעבנקייט צו אַרבעטן פאַר דעם אַלגעמיינעם וווּל, און די דאָזיקע ברייטהאַרציקע מענטשן פאַרדינען אונדזער פולע אָנערקענונג.

מיט בעסטע ווונטשן -

**ביל קלינטאָן**

## "יד־חי"־פאָנד אין "בית אַרגענטינע"

מיט אַ יאָר צוריק האָט "בית אַרגענטינע" געשאַפן "יד־חי" - אַ פאָנד וואָס פירט אָן מיט אַ ריי קינסטלערישע פּראָגראַמען וואָס ווערן דורכגעפירט יעדן טאָג, חוץ ערב שבת און שבת, אין פאַרשיידענע עלטער־היימען אין ישראל. אַ קאַמער־אָרקעסטער צונויפגעשטעלט פון פּראָפעסיאָנעלע מוזיקער, עולים פון געוו. ראַטן־פאַרבאַנד. אַ טעאַטער־רעזשיסער און אַ צייכענונג־פּראָפעסאָר שטעלן צונויף דעם קרייז וואָס פירט אָן מיט דער דאָזיקער אָריגינעלער איניציאַטיוו.

די באַקאַנטע פילם רעזשיסאָרן וויוויאַן אימאַר וואָס האָט באַקומען אויסצייכענונגען פאַר איר קונסט־פילם "אַ קאַרדינאַל באַזוכט ישראל" גייט אָן מיט איר אַרבעט און גרייט צו דעם דאָקומענטאַרן פילם "די קאָלאָניזאַציע אין די פּאַמפּאַס" וואָס זי האָט אָנגעהויבן מיט קאַרגע צוויי יאָר צוריק אין צוזאַמענאַרבעט מיט אַ גרופּע קינסטלער פון בוענאָס־איירעס.

אין פילם גייען אַריין שמועסן צ"אַ מיט שמואל ראָזשאַנסקי ע"ה, משה גאָלדמאַן, מאַקסימאָ יאַגובסקי, פּרעזידענט קאַרלאָס מענעם, שרייבערס, דענקערס, קאָמפּאָזיטאָרן, דירעקטאָרן פון טעאַטער קאָלאָן, לערערס, געזעלשאַפטלעכע טוערס און דער עיקר לאַנגע וווּדערלעכע פילמאַציעס אין די קאָלאָניעס פון די פּראָווינצן סאַנטאַ־פע, ענטרע ריאָס, לאַ פּאַמפּאַ, בוענאָס־איירעס, באַגלייט מיט מוזיק, ליריקס א.א.וו.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* "די גאָלדענע קייט" נום. 140. צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, 224 זז'. רעדאַקטאָר - אברהם סוצקעווער. תּל־אָביב 1995. מיר האָבן געוואָרט מיט אומגעדולד אויפן נייעם נומער פונעם זשורנאַל מחמת די קלאַנגען אין דער יידיש־וועלט, אַז דער זשורנאַל הערט אויף צו דערשיינען צוליב דעם וואָס די הסתדרות האָט צוריקגעצויגן די שטיצע פאַר אים.צום גליק איז די "גזירה" אָפּגעשריגן געוואָרן און דער וויכטיקסטער ליטעראַרישער זשורנאַל אונדזערער וועט ווייטער דערשיינען. אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן!
* "אויפן שוועל" נום. 298. אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע, ניו־יאָרק 1995. רעדאַקטאָר - ד"ר מרדכי שעכטער.
* "די צוקונפט" נום. 2 (100). אַרויסגעגעבן פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. ניו־יאָרק 1995.
* "יידישע קולטור" נום. 3-4. חודש־שריפט פונעם יידישן קולטור־פאַרבאַנד. רעדאַקטאָר איטשע גאָלדבערג. ניו־יאָרק 1995.
* "אונדזער צייט" נום. 6. רעדאַקטאָר משה לאָקעטש. ניו־יאָרק 1995.
*"לעבנס־פראַגן" נום. 517-518. סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, ווירטשאַפט און קולטור. רעדאַקטאָר - יצחק לורען. תּל־אָביב 1995.
* "די פען" נום. נום. 6-10. חודשלעכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור. רעדאַקטאָר הירשע־דוד קאַץ. אָקספאָרד 1995. יעדער נומער האָט 36 זייטן פּאָעזיע, פּראָזע און עסייען.
* "דוד האָפּשטיין פּרייז", תּל־אָביב, יוני 1995. צו דער נייַנטער פאַרטיילונג פונעם פּרייז אויפן נאָמען פונעם גרויסן דיכטער איז, ווי יעדעס יאָר, דערשינען אַ בראָשור מיט קורצע אָפּהאַנדלונגען וועגן די לאַורעאַטן: ישראל קאַפּלאַן, אברהם ליס און משה בערנשטיין. וועגן דער אלמנה פונעם דיכטער, פייגע האָפּשטיין, וועלכע איז געשטאָרבן נישט לאַנג צוריק, און וועלכע איז געווען אומדערמידלעך ביים צונויפזאַמלען און אויפהיטן דוד האָפּשטיינס שעפערישע ירושה, שרייבט ל. פּאָדריאַטשיק. פאַראַן אויך אַ ריי לידער דוד האָפּשטיינס געווידמעט פייגען.

---

# "נחת פון יונגוואַרג"

אַזוי הייסט די נייע רובריק אינעם נייעם נומער פונעם זשורנאַל "יוגנטרוף" וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק. אין דער רובריק געפינען זיך אַרבעטן פון: גאַליה זינגער, (9 יאָר אַלט), - "שלינגען און קייען ביכער"; יאַנקל איידלמאַן (11 יאָר אַלט) - "ווו איז יאָסעלעז"; נפתלי איידלמאַן (9 יאָר אַלט) - "אַן אַוואַנטורע אין דיזני־וועלט". חוץ דעם זענען פאַראַן אַ ריי אַנדערע אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן. דעם זשורנאַל קאָן מען באַקומען ביי:

YUGNTRUF
200 West 72Stree, Suite 40
New York, N.Y. 10023-2805

# דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
# אַרבעטער רינג

שיקט זייַנע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פרייַנד בכל מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

(310) 552-2007



לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות אַניואיטי טראַסט-קאָנטראַקט

- פון דער -

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן); און
- באַדייטנדיקע אייַנשפּאָרונגען: הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, "פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם "קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.

אברהם פרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר

## HISTADRUT ANNUITY TRUST
## of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.

811 Wilshire Blvd., Suite 1700 • Los Angeles, Calif. 90017

Telephone: (213) 683-8036

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**



## לאָס אנדזשעלעסער יידישער קולטור קלוב

*שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע*
*אונדזערע מיטגלידער און פריינד*
*בכל מקום שהם*

**תכלה שנה וקללותיה**
**תחל שנה וברכותיה**

---

**ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד**
**יידיש צווייג**

נאָרמאַן קאַרין - אסאָסייעטעט-פרעזידענט

מרדכי בן־דוד - וויצע-פרעזידענט

לעאָ ראָזענבלאַט - וויצע פרעזידענט

בערטאַ קאַרין - פינאַנץ-סעקרעטאַר

---

**יידישע חבורה פון פאַסיפיק פאַליסיידס**
**בעסטע ווונטשן צום נייעם יאָר,**
**צו אַלע אונדזערע פריינד**
**און שלום אויף דער וועלט און ישראל**

אוירווינג טייטלבוים - פרעזידענט

---

יום־טובדיקע און ווונטשן צו די שרייבער, אַדמיניסטראַציע און לייענער פון "חשבון". זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין ביים פאַרשפרייטן און פאָפּוליאַריזירן די קולטור־אוצרות, אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע אין יידשן לשון.

שעלבי שאַפּיראָ
בעטעסדאַ, מערילענד

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

לייבער, שרה, שמחה
און משפחה

בלושטיין, שרה און נחום

הירש, צבי און טאָני –
צו משפחה, פריינד און מיטגלידער
שנת ברכה והצלחה

ד"ר שייפער, בענסאָן און דאַנאַ,
פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן

ד"ר גאָטעסמאַן, יאָנאַס און בעלאַ,
ניו־יאָרק

וואַנאַמייקער משפחה

ד"ר האַדאַ, דזשאַנעט

בער פריידע

לאַנצמאַן, בערנאַרד

ד"ר פישמאַן, בערט און בעטי

לובין, דוד און משפחה

פעלנער, פייגע און משה מאָראָקאָ

לעווין, רעגינאַ און יעקב

קאַפּלאַן, רחל און דוד

סאָסקי, העלען און יוסף

קאַרפּ־לעפקאָוויטש, סימאַ

סיידי, עטל

רוהמאַן, חנה

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

| | |
|---|---|
| שאַרף, עלסי, לאָורי און משפחה | סלוצקי, רחל און מענדל |
| שאַפּיראָ, ריי און מאַרטאַ | שייפּער דאָראַ און יעקב |
| שוואַרץ, רעניי, שיקאַגאָ - אין אָנדענק פון שלמה שוואַרץ | מאָסקאָוויטש, שרה און איציק |

גאָלדמאַן, האָדעל

גאָרפיין, רחל און מאָניע

האַלבערט, מינאַ

הערבסט, מרים און הערשל

הענלי, מאַשאַ

הענדל, שלמה

וועלטמאַן, פּראַניע און משפחה

זימער, טשאַרנע

זשוק, סאַבינאַ און חיים

טשעסנין, רחל און פּימאַ

לאַקס, לאה און יוסף

ליפשיץ, אסתר

לעווענטאַל, בעבע און לי

סלוצקי, אברהם און געניע

פּאָנטיין, דזשין

פּערל, מאַרק און פרידאַ

פּאָזי - בעלאַ און משפחה
אין אָנדענק פון מיין ליבע מאַן
אריה פּאָזי, מיר וועלן אים
קיין מאָל נישט פאַרגעסן

צוקערמאַן, מאַרווין און פּרוי

כהן, אסתר

קריסטאַל, שלום

שלאָסער, נעכע

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אַוורוטין, ריי

אַלפּער, מאַקס

באַסנער, דאָראָ און יעקב

באָראָוויק, לייב, ניו־יאָרק

בונין, פראַנסיס און סטענלי

בורמאַן, געניע און אַלבאַ

גאָרענשטיין, פרומע

גילינסקי, ליובאַ

הערבסט, טשאַרנע און גרשון

זאַלען, ריטשאַרד

טייטלבאום, שפרה

לעכאָוויצקי, דוואָשע און אהרון

מאַלעוויטש, זעלדע און פסח

מייזנער, לילקע און שלמה

מאָרסאָן, מאיר, ניו־יאָרק - לזכרון
מיין ליבן פעטער ישראל גובקין ע"ה

סאַפּיאַן, העלען

פרידמאַן, חיה
אין אָנדענק פון מיין מאַן גרשון

פערעלסאָן, רחל

ד"ר שאַו, מעני און מלכה

שוואַרץ, אַלען, סקאָקי, אילינאָי

שווייצער, לאה

שטיינמאַן, נתן

שעלי, שרה

שקליאַר, דבורה און משה

---

**דרורה קלוב נעמת**
ליובא שלאַפמאַן - פרעזידענט
פרימע גאָרענשטיין - וויצע-פרעז.
בערטאַ קאָרין - פינאַנץ-סעקר.
רעגינאַ שידלער - קאַסירער

**הצפירה**

**סימאַ קאַרפ-לעפקאָוויץ**
פרעזידענט